STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 04560

SHRAY, MAYN LIB FOLK

Hayim Shurer

Permanent preservation of this book was made possible
by Marcia Posner
in memory of
Celia & Isadore Posner

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

ח י י ם   ש ו ר ר

שריי, מיין ליב פאָלק

אונזער חוב צו די אידן אין ראטנפארבאנד

איחוד עולמי פועלי־ציון־(צ. ס.) התאחדות
ת ל ־ א ב י ב   1 9 5 5

דפוס קואופרטיבי „אחדות" בע"מ, תל־אביב

מיר טאָרן זיי ניט פאַרגעסן

(רעדע געהאַלטן אויפן ציוניסטישן אַקציאָנס־קאָמיטעט
דעם 28.8.1955 אין ירושלים)

רבותי, נעכטן האָבן מיר געהערט אַ גלענצנדן רעפעראַט, וועגן דער ליטעראַרישער שאַפונג פון דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע, וועגן הונדערטער און טויזנטער ביכער אויף פאַרשיידענע געביטן, וועגן אַ רייכער קולטורעלער טעטיקייט וואָס ווערט דאָ געמאַכט. איך וויל אין דעם וואָרט וואָס איז מיר ערטיילט געוואָרן, רעדן וועגן די מיליאָנען ייִדן, וואָס דער איינציקער ייִדישער בוך וועלכן איך האָב ביי זיי געזען אין משך פון די 40 טעג וואָס איך בין געוועזן אין ראַטן פאַרבאַנד, איז געווען אָט דער געשריבענער מיטן האַנט לוח, אין אַ בלאָק־נאָט. איך שטעל מיר פאָר וואָס פאַר אַ גליק עס וואָלט געווען פאַר די ייִדן, ווען זיי וואָלטן לכל הפחות געוווּסט אַז דאָ, אין דער העכסטער ציוניסטישער אינסטאַנץ פון דער אַלוועלטלעכער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע, אין ציוניסטישן אַקציאָנס קאָמיטעט, רעדט מען וועגן זיי. אַפילו דאָס דערגייט צו זיי נישט. זיי טראָגן זיך אַרום מיט אַ יאוש און מיט אַ גרויליקן געפיל אַז מען האָט אין זיי פאַר־געסן, אַז מען זאָרגט נישט וועגן זיי און אַז מען דערמאָנט זיי נישט.

מיר רעדן נישט צופיל, און אפשר שוין צו ווייניק אויף אונדזערע צוזאַמענקומען וועגן די ייִדן אין ראַטן פאַרבאַנד און אין די פאַרבינדעטע מיט אים לענדער, ווי רומעניע, אונ־גאַרן, טשעכאָסלאָוואַקיע, פוילן, בולגאַריע. מיר האָבן אין משך פון צענדליקער יאָרן גערעדט וועגן דעם אויף אונדזערע צוזאַמענקומען „אַבסטראַקט". און אָט האָט דער גורל מיר

באַשערט, אַז איך קען אייך אָפּגעבן אַ לעבעדיקן גרוס פון זיי, כאָטש קיינער פון זיי האָט מיר נישט געבעטן וועגן דעם מיט אַ פול מויל, אָדער אַפילו מיט אַ האַלב מויל דאָס צוטאָן, ווייל זיי האָבן מורא, וואָס נישט איז צו זאָגן אַ מענטש פון ישראל.

איך געפין פאַר נויטיק אויסדריקן אַ דאַנק דער סאָוויעטן־מאַכט, וועלכע האָט מיר דערמעגלעכט דעם באַזוך אין ראַטן פאַרבאַנד. איר ווייסט, אַז דאָס איז אַ זעלטענע זאַך, אַז אַ ישראל־מענטש, אַ ייד, אַ ציוניסט, זאָל באַקומען אַ דער־לויבעניש צו באַזוכן סאָוויעט־רוסלאַנד. אפשר בין איך געווען דער ערשטער פון דער ריי טוריסטן פון ישראל, וועלכע עס וועט דערמעגלעכט ווערן, ווי עס גיבן איבער היינט די צייטונ־גען, באַזוכן אין משך פון 10 טעג אין ראַטן פאַרבאַנד, און דאָסגלייכן וועט דערלויבט ווערן מענטשן פון רוסלאַנד באַזוכן ישראל. איך בין דאָרט געווען נישט 10 טעג, נאָר פיר מאָל אַזויפיל צייט. און דעריבער בין איך באמת דאַנקבאַר פאַר דער געלעגנהייט וואָס איז מיר געגעבן געוואָרן.

מיר באַגריסן יעדן פונק פון פאַרלייכטערונגען, יעדע קלענסטע הנחה, יעדן קליינעם שריט פאָרויס. זאָל דאָס זיין דאָס פאָרן פון טוריסטן קיין ראַטן פאַרבאַנד, די עליה פון איינצלנע עולים, זקנים און זקנות; דער אויפטריט פון אייניקע יידישע זינגער, וועלכע טרעטן אַרויס מיט יידישע לידער, וועגן וועלכע מען האָט איצט מודיע געווען פון ראַטן־פאַרבאַנד, כאָטש דאָס איז נאָך נישט קיין יידישע טעאַטער־פאָרשטעלונג. איך האָב געזען די פּלאַקאַטן, דאָרט ווערט גע־רעדט וועגן אָוונטן פון יידיש ליד, אין וועלכע עס באַטייליקן זיך פידלער, פּיאַניסטן און אַנדערע שפילער מיט אַ קאָנפע־ראַנסיע און דערווייל מער גאָרנישט. אָבער מיר באַגריסן, ווי איך האָב שוין געזאָגט, יעדן קליינעם שריט פאָרויס. וואָס לערנט אונדז דער אָוונט, וואָס מען דערציילט אַז ער האָט געהאַט אַ גרויסן דערפאָלג? ווען איך האָב דאָ און דאָרטן גערעדט מיט מענטשן פון רוסלאַנד און איך האָב זיי געפרעגט פאַרוואָס איז נישטאָ קיין יידישער טעאַטער, פאַרוואָס איז

נישטאָ קיין יידישע צייטונג? — האָבן זיי מיר געענטפערט, ווייל יידן האָבן זיך אויפגעהערט צו אינטערעסירן מיט דעם. צוליב דעם איז נישטאָ קיין אָרט פאַר קיין צייטונג און אַ טעאַטער אין יידיש. און אַט פלוצים האָט אַ יידישער אָוונט אין מאָסקווע אַזאַ דערפאָלג. דאָס באַווייזט אַז עס האָט נישט אויפגעהערט די פאַראינטערעסירונג מיט יידיש און מיט נאַציאָנאַלן יידישן לעבן בכלל ביי די יידן פון ראַטן־פאַרבאַנד.

איך האָב געזאָגט, אַז מיר האָבן האַרבע טענות צו זיך אַליין. מיר רעדן מיט אַ גרויסן ציטער, אויפריכטיק און באַרעכטיקט, וועגן ראַטעווען די יידן פון מאַראָקאָ, טוניס און אַלזשיר, איראַק און פערסיע און וועגן אַן עליה פון פראַנקרייך, ענגלאַנד און אַמעריקע. וועגן אַן עליה פון אַלע עקן גלות, וועגן אַ רעטונגס עליה, און וועגן אַ חלוצישע עליה — וועגן אַן עליה פון בויאונג און שאַפונג. אָבער וואָס האָבן מיר געטאָן די אַלע יאָרן פאַר די איבער צוויי מיליאָן יידן פון ראַטן פאַרבאַנד, און פון די דעמאָקראַטישע פאָלקס רעפובליקן? און די דאָרטיקע יידן, אויב נישט אין זייערע אַלע הונדערט פראָצענט, דאָן כאָטש 50 פראָצענט, אַפילו איין מיליאָן פון די צוויי מיליאָן רוסישע יידן, ווילן מיטן גאַנצן האַרצן זיין יידן. איך ווייס עס. איך האָב זיך אין דעם איבערצייגט ווען איך האָב געזען מיט מיינע אויגן די פיל טויזנטער יידן. זיי זיינען נאָך יידן און ווילן זיין יידן. עס זיינען דאָ צווישן זיי אַזעלכע וועלכע ווילן דאַווענען אין אַ שול, וואָס ווילן האָבן אַ יידישע צייטונג, אַ יידיש בוך, אַ יידיש טעאַטער, און אַ יידישע שול, וועלכע ווילן אַ קאָנטאַקט מיט יידן, אַ פאַרבינדונג מיט ישראל און מיט קרובים אין אויסלאַנד. אויב איך וועל זיין אַ גרויסער פעסימיסט, וועל איך נישט איבערטרייבן — ווען איך וועל זאָגן אַז לכל הפחות אַ מיליאָן יידן פון די צוויי מיליאָן ווילן עס. איך בין נישט זיכער אויב נישט אָנדערטהאַלבן מיליאָן יידן. ווייל סוף כל סוף וויפיל זיינען דאָ יידישע קאָמוניסטן און אַסימילאַטאָרן און יידישע יוגנט וועלכע געדענקט נישט זייער יידישן עבר? אפשר דערגרייט זייער צאָל צו אַ האַלבן מיליאָן, און דאָס איז נישט ווייניק.

און אויב אַפילו מיר זאָלן אָננעמען אַז זייער צאָל דערגרייכט ביז אַ מיליאָן, אויך דאַן קענען מיר רעדן וועגן אַ מיליאָן יידן אין ראַטן פאַרבאַנד וועלכע לעבן ווי יידן, אויף אַזויפיל אויף וויפיל מען לאָזט זיי זיך אויסלעבן אַלס יידן, און וועלכע ווילן פירן אַ פול יידישן לעבן.

און צו דעם מיליאָן יידן צו וועלכע איך בין געפאָרן כדי צו קומען אין קאָנטאַקט מיט זיי, כדי זיך צו באַגעגענען מיט זיי נאָך צענדליקער יאָרן פון זיין אָפּגעריסן, פון בענקען זיך זען נאָך אַמאָל מיט רוסישע יידן, ווי אַזוי האָב איך געקענט קומען אין באַרירונג מיט זיי?

איך דאַרף אייך נישט דערציילן, אַז אויך אין דעם אַלגע־מיין רוסישן לעבן האָב איך נישט געקענט זען, וואָס איך האָב געוואָלט. נישט אַלץ קען מען ווייזן, און איך זאָג דאָס נישט לשם קריטיק. איך האָב פיל זאַכן געזען פון אַן אַלגעמיינעם רוסישן כאַראַקטער, ווייל אַ טייל זאַכן האָט די רעגירונג איינ־געאָרדנט איך זאָל קענען זען, און פיל זאַכן האָב איך אַליין געזען און געקענט לערנען. אַ מענטש וועלכער פאַרשטייט רוסיש און גייט אַריין אין אינסטיטוציעס, באַגעגנט זיך מיט רעדאַקציע מיטגלידער פון אַ צייטונג, גייט אַריין אין אַ מוזע־אום, אין אַ טעאַטער אויף אַ פאָרשטעלונג, אין קרעמל, אין אוניווערסיטעט, קען לערנען און וויסן. איך דערמאָן דאָס נישט אַן און פאַר זיך, נאָר כדי איר זאָלט פאַרשטיין אַז מיין עיקר ציל איז געווען קומען אין באַרירונג מיט יידן אין ראַטן פאַרבאַנד. ווי האָב איך אָבער געקענט קומען מיט זיי אין באַרירונג, אויב איך האָב נישט געקענט הערן און לייענען קיין שום זאַך וועגן יידן און וועגן יידישן לעבן! האָב איך דען געקענט אַריינגיין אין אַ קהילה אין מאָסקווע, אין קיעוו, אין אָדעס, לענינגראַד און קישיניעוו און פרעגן וואָס טוען יידן? עס איז דאָך נישטאָ קיין קהילה און קיין ועד הקהילה אין קיין שום אָרט. און אויב עס ווערט פאַרעפנטלעכט אַ מעלדונג אין „אונאַ״ אין נאָמען פון דער ראַטן רעגירונג וועגן קהילות און רבנים — זיינען דאָך קיין קהילות נישטאָ!

און איך האָב נישט געהאַט די זכיה איינגעלאַדן צו ווערן

אין משך פון די 40 טעג פון מיין באַזוך אין ראַטן פאַרבאַנד אין קיין שום יידיש הויז — און אויך נישט אין קיין שום נישט־יידישע־הויז.

ווי האָב איך געקענט זיך באַגעגענען מיט יידן? ווי האָב איך געקענט קומען מיט זיי אין אַ קאָנטאַקט? פאַרשטענדלעך, אַז עס איז נאָך דאָ אַ שול, און אין שול דאַווענען נאָך יידן. דאָס איז דער איינציקער אָרט וואו עס קומען זיך צונויף יידן אין ראַטן פאַרבאַנד. אָבער אַ שול אין ראַטן פאַרבאַנד, רבותי, איז נישט קיין שול אין מאה שערים אָדער אין בני־ברק. יידן גייען אין שול, אָבער עס איז נישט אַזוי לייכט און באַקוועם צו פאַרלאָזן די אַרבעט און גיין דאַווענען אין שול אין אַ יום־טוב. מיר איז באַקאַנט אַז צענדליקער טויזנטער יידן האָבן געוואָלט באַזוכן די שול יום־כפור און עס האָבן איר באַזוכט נאָר פיר טויזנט. ווייל אַ האַלבער מיליאָן יידן אין מאָסקווע האָבן נאָר איין שול! וויפיל יידן קען אַריינגעמען איין שול?

און מיר איז אויך באַקאַנט, אַז עס זיינען דאָ יידן אין מאָסקווע, וועלכע זאַמלען אויף זייערע אורלויב טעג, כדי זיי זאָלן קענען גיין יום־טוב אין שול, כדי נישט בעטן אַ באַזונ־דערע דערלויבניש. אויך פיל יוגנטלעכע אין די הונדערטער, ווילן גיין אין שול און קענען עס נישט טאָן צוליב געוויסע סיבות. אין שול קען מען געפינען יידן, אָבער אויך דאָרטן קען מען זיי נ אָ ר ז ע ן (ווי עס ווערט געזאָגט אויף די חנוכה ליכט שקודש הן ואין להשתמש בהן). איז מיר געשען אַ „נס", ווייל ווען איך וואָלט באַקומען די דערלויבניש צו פאָרן אין ראַטן פאַרבאַנד מיט צוויי מאָנאַטן פריער, אָדער מיט צוויי מאָנאַטן שפּעטער, וואָלט איך נישט געהאַט די גע־לעגנהייט צו זיין יום־כפור אין שול, און איך וואָלט דאָס אויך נישט געזען. איך וואָלט נאָר געזען איינצלנע יידן אין אַ גע־וויינלעכן שבת. אין אַ מיטנוואָכעדיקן טאָג קען מען נאָר זען אַ מנין אַלטע בטלנים צווישן מנחה און מעריב. איך האָב באַקומען די וויזע פאַר יום־טוב און איך האָב באַוויזן זיין דאָרטן יום־כפור און זען פיר טויזנט יידן אין אַ יידישער שול אין רוסלאַנד.

טויזנטער יידן זיצן און שטייען אין שול צונויפגעדריק־

טערהייט. אויף דער בימה פון שול פון יענער זייט באַריער זיצן די פאָרשטייער פון דער מדינת ישראל. די פון איין זייט, און די מאָסקווער יידן פון אַנדער זייט. טויזנטער יידן וועלכע זיצן און שטייען, קוקן לאַנגע שעהן, און נעמען נישט אַראָפּ די אויגן פון דעם ווינקל וואו עס זיצן די יידן פון ישראל. זיי וואַגן זיי נישט זאָגן שלום, זיך דערנענטערן צו זיי, פרעגן אָדער זאָגן עפּעס. איך בין געשטאַנען די כל נדרי נאַכט צווישן דעם צונויפגעפּרעסטן עולם. איך האָב נישט געקענט באַוועגן קיין גליד צוליב דער ענגשאַפט. די יידן האָבן נישט געוואוסט אַז איך בין פון אויסלאַנד. און איך האָב זיך צוגעהערט צו די געשפּרעכן. איך האָב הנאה געהאַט פון דער גרויסער זכיה צו שטיין צווישן מיין פאָלק אין רוסלאַנד. און איך האָב געהערט ווי יידן פרעגן מיט התפעלות און אויפרעגונג, ווער איז צווישן זיי דער „פּאָסאָל״ (דער אַמבאַסאַדאָר) ? זיי האָבן געהאַט אין זינען אונדזער אַמבאַסאַדאָר שמואל אלישיב ז״ל. אָדער זיי האָבן אויסגערופן מיט געפיל: זע, זע דאָס שוואַרצע אינגעלע, ער איז דאָך פון די קינדער פון דער אַמבאַסאַדע! אָדער זיי האָבן געקוקט אין דער הויך פון דער עזרת נשים: זע, זע, די יונגע פרויען פון ישראל! און מיט התפעלות פרעגט איינער דעם צווייטן, צי קען מען נישט צוגיין צו די ישראלים? און דער צווייטער זאָגט — פאַרוואָס זאָל מען דען נישט קענען? מען קען צוגיין, מען דאַרף נאָר זען, אַז מען זאָל אויך קענען צוריקגיין...

איך בין געזעסן אַ געוויסן פרייטיק צונאַכט אין אַ שול אין אַן אַנדער שטאָט. מען האָט מיר אַוועקגעזעצט אויף אַ ליידיקע באַנק אין מזרח זייט. איך בין נישט געקומען כדי צו געניסן פון כבוד, זיצן אַליין אין מזרח וואַנט. בין איך אַריבער און זיך געזעצט אויפן ערשטן באַנק וואו עס זיצן יידן, און איך הער ווי אַ ייד שושקעט צו מיר פון הינטן: „קוקט נישט אויף הינטן, קוקט פאָרויס און איך וועל רעדן צו אייך״. אַזוי זעט אויס אין שול. דער אייביקער אָרט אין ראַטן פאַרבאַנד וואו מען קען זיך באַגעגענען מיט יידן. יום־כפור בין איך געזעסן אין שול אַ גאַנצן טאָג מיט די מיט־

גלידער פון דער אַמבאַסאַדע, אויבן אויף דער בימה, און פון דאָרט אָנגעקוקט די יידישע אויגן, אויגן פון הונדערטער און טויזנטער יידן וועלכע זיינען פול מיט בענקעניש, באַגער און שמאַכטונג, באַליידיקונג און פאַריתומטקייט, וועלכע האָבן געקוקט אויף ישראל מענטשן וועלכע זיינען געזעסן אין אַ ווינקל אויף דער בימה. עס איז שווער געווען אויסצוהאַלטן דעם בליק זייערן פון פרי ביז אין אָוונט. און אָט איז געקומען דער דראַמאַטישער מאָמענט פון „יזכור". נישט ווייט פון מיר זיינען געשטאַנען צוויי יידן, נישט קיין אַלטע דווקא, און זיי האָבן געהאַלטן אין האַנט אַזאַ שוואַרצן טאָוול. ווען עס איז געקומען צו „יזכור" האָבן זיי געעפנט דעם טאָוול וועלכער האָט גאָרנישט אַנטהאַלטן אין זיך, נאָר אינעווייניק אויף די טאָוולען איז געווען אָנגעשריבן דער „יזכור" מיט גרויסע רוסישע ווערטער, און פון דעם האָבן זיי געלייענט דעם „יזכור". אויף דעם מאָמענט האָבן זיי געוואַרט די גאַנצע צייַט. אפשר האָבן זיי געוואַרט אויף דעם אַ גאַנצן יאָר, כדי צו קענען זאָגן „יזכור" פון אַ טאָוול מיט רוסישן שריפט, ווייל מען קען נישט באקומען אין רוסלאַנד אַ מחזור אין העברעאיש, ווען עס ווערט צוריסן דער אַלטער מחזור. און ווען די שול מיט אירע טויזנטער מענער און פרויען איז פול געוואָרן מיטן שרעקלעכן יאָמער פון „יזכור", בין איך געווען זיכער אַז דאָס איז אַ יאָמער נישט נאָך אַ פערזענלעכן קרוב פון דער משפחה וועלכער איז אַוועק פון דער וועלט, נאָר איך האָב געפילט אַז דאָס איז אַ יאָמער פון אַ גאַנצן פאָלק, אַ פאַריתומטן און איינזאַמען, וועלכער וויינט אין זיין פאַר־שעמטקייט. ער זעט פאַר זיך דעם גאַנצן טאָג די פאָרשטייער פון אַ פרייען זעלבסטשטענדיקן יידישן פאָלק, די פאָרשטייער פון דער מדינת ישראל. און ער קען זיך נישט דערלויבן צו באַגריסן זיי. אויף דעם האָב איך אַ טרייע עדות זאָגן: דאָס קוקן דעם גאַנצן טאָג אויף די מענטשן פון ישראל און דער געוויין ביים „יזכור" זאָגן און דער אויסגעשריי ביים סוף נעילה „לשנה הבאה בירושלים", דאָס אַלץ זיינען ריגען פון איין קייט, פון אַן אויסדרוק פון דער באַליידיקונג און

פאַריתומדיקייט און באַגער. דער עדות זאָגן אַנטהאַלט דעם רוף וועלכן איך ברענג פאַר דעם ציוניסטישן אַקציאָנס קאָמי־טעט: פאַרגעסט נישט און שווייגט נישט!

און אויסער דער שול, וואו קען מען זיך באַגעגענען מיט יידן און נישט רעדן מיט זיי, אין וואָס פאַר אַן אָרט קען מען זיך נאָך טרעפן מיט יידן? איך האָב געהאַט איין ברירה. אַרומגיין איבער די גאַסן פון מאָסקווע, אין פאדאל, אין קיעוו, אין אָדעס, אין לעבינגראַד, אין קישיניעוו און זוכן יידן אויף די גאַסן; זיך באַמיען צו דערקענען יידן לויט דער „ליניע" וועלכע עס האָט נישט געענדערט אַפילו די באַלשעװיסטישע איבערקערעניש. די ליניע פון יידישן נאָז, אָדער דערקענען אַ יידן לויט די אויגן. איך האָב געהאַט אַ געלעגנהייט צו פאָרן מיט דעם אויטאָ פון דער ישראל אַמבאַסאַדע און אויף אייניקע מינוטן האָט זיך די מאַשין, וועלכע טראָגט אַ יידישע פאָן און אַ העברעאישע אויפשריפט „תוצרת קייזר, ישראל" פאַרהאַלטן, און אָט האָב איך צווישן די מאַסן מענטשן וועלכע האָבן זיך צונויפגעזאַמלט אַרום דעם אויטאָ, געקענט דערקענען די יידן לויט די אויגן, לויט דעם ווי זיי האָבן געקוקט און געפרווט לייענען די העברעאישע אותיות. נאָר אין גאַס האָב איך געקענט צופעליק צוגיין צו אַ יידן — אַ ציימונגס־פאַרקויפער, אָדער אַ פאַרקויפער פון שוועבעלעך און זייף, אָדער צוגיין צו אַ יידן אין צייט פון אַ הפסקה אויף אַ טעאַטער פאָרשטעלונג, און זאָגן אַ פּאָר זאַצן, ווייל אויב איך בין צוגעגאַנגען צו אַ יידן וועלכער איז געשטאַנען אין אַ לאַנגער ריי, און געפרווט מיט אים רעדן 2—3 מינוט, האָט ער מיר געזאָגט: „בייזערט זיך נישט אויף מיר, דאָ איז נישט אַזוי באַקוועם צו שמועסן". עס איז זייער נישט באַקוועם צו שמועסן בכלל מיט אַ מענטשן פון אויסלאַנד און בפרט מיט אַ מענטשן פון ישראל, אויף וועלכע עס איז געשריבן, דאָס וואָס עס איז געשריבן, אין דער רוסישער ענציקלאָפּעדיע. איך בין זיך מודה אויף מיינע זינד. איך בין אַרומגעגאַנגען אין קיעוו און פאדאל, און געפרעגט ווי גייט מען צו דער שול, און נאָכדעם ווי מען האָט מיר געוויזן דעם וועג, בין איך

געגאַנגען און געפרעגט אויף אַנדערע יידן. ווייל איך האָב געהאַט דעם געפיל, אַז עס איז וויכטיק צו רעדן אַ פּאָר ווערטער מיט אַ יידן אין קיעוו, כדי ער זאָל וויסן אַז דאָ גייט אַרום אַ ייד פון ישראל, און דער ישראלדיקער זעט אויס ווי אַ נאָרמאַלער מענטש, נישט קיין פאַרהונגערטער, און נישט קיין קראַנקער. און אויב אַ ייד האָט מיר געזאָגט נאָך אַ קורצן געשפּרעך „דו האָסט אין מיר אַריינגעגעבן אַ טראָפּן זויערשטאָף" — דאָס הייסט דו דערמעגלעכסט מיר נאָך ווייטער צו אָטעמען, בין איך געווען פאַראינטערעסירט אַריינצוגעבן דעם טראָפּן זויערשטאָף אויף אַנדערע יידן. נאָר אַזוי האָבן געקענט זיין די טרעפונגען מיט יידן אין ראַטן־פאַרבאַנד. פונדעסטוועגן, אויך פון די צופעליקע טרעפונגען האָב איך געקענט בלי ספק זיך באַאיינדרוקן וועגן די געפילן פון טויזנטער וועלכע איך האָב געזען אין שול יום כפור, און פון אַנדערע טויזנטער יידן, וועלכע איך האָב געזען אין שול שמחת תורה (דאָן זיינען געקומען יוגנט, פרויען און קינדער). און מען האָט מיר דערציילט, אַז אַזעלכע טויזנטער זיינען געווען אויך אין די שולן אין די שטעט וועלכע איך האָב נישט באַזוכט. און איר קענט זיך פאָרשטעלן, אַז דאָס קומט אויך פאָר אין טשערנאָוויץ, בערדיטשעוו, באָברויסק, ריגע, קאָוונע, מינסק און אַפילו טאַשקענט, אין די אַלע שטעט וואו נישט אַלע יידן האָבן זיך שוין אַסימילירט און פאַרגעסן.

איך האָב זיך איבערצייגט, אַליין הערנדיק, אַז יידן האָבן נאָך נישט פאַרגעסן און געדענקען „כל עוד בלבב פנימה" און „הכניסיני" פון ביאַליק און אַפילו „אל תתייאש אסיר תקוות, עוד שמשנו יעל" פון טשערניכאָווסקי. איך האָב די פערזן געהערט פון מויל צום אויער אין מינוטן ווען עס איז נישט טאָג און נישט נאַכט.

די ישראל אַמבאַסאַדע האָט געשפּענדעט 1000 רובל פאַר דער שול יום־כפור, און איך האָב געזען די קבלה אויף וועלכער עס איז געווען געשריבן „מיר האָבן באַקומען 1000 רובל פאַר דער שול פון דער מלכות ישראל". פאַרשטייט וואָס עס באַדייט פאַר די יידן די מלכות ישראל. און די מלכות איז

זיי פאַרבאָטן און געאַסרט און זיי קענען נישט זאָגן קיין שלום די פאַרשטייער פון דער מדינת ישראל.

וואָס וועט זיין מיט די יידן וועלכע לעבן יאָרן לאַנג אָן אַ העברעאישן בוך, אָן אַ יידישער צייטונג, אָן אַ שול פאַר קינדער און אַ טעאַטער, און אָן אַ יידיש אות אין 15 יאָר ארום? איך האָב געפרעגט דעם רב אין מאָסקווע, וואָס וועט זיין בנוגע „יידישקייט", און ער האָט נישט געהאַט אויף דעם קיין ענטפער. איך האָב אים געפרעגט וואָס וועט זיין בנוגע דעם, אַז לפּחות אַביסל יידן, יונגע און נישט יונגע זאָלן לערנען אַביסל יידישקייט? וואָס וועט זיין מיט אַ רב אין מאָסקווע אַלס אייער נאָכפאָלגער? ער האָט נישט געהאַט קיין ענטפער.

איך פרעג: פאַרוואָס מוז זיין אַזאַ לאַגע פון די 2 מיליאָן יידן אין רוסלאַנד און פון דעם האַלבן מיליאָן אָדער מערער, אין די לענדער וועלכע זיינען פאַרבונדן מיט רוסלאַנד? און איך פרעג — וואָס האָבן מיר געטאָן פאַר זיי? מיר נעמען אָן רעזאָלוציעס אויף יעדן קאָנגרעס, אָדער אויף דעם ציוניס־טישן אַקציאָנס־קאָמיטעט איינמאָל אין יאָר, און נישט תמיד נעמען מיר אָן רעזאָלוציעס וועגן דעם אין אַקציאָנס קאָמיטעט.

ווען עס טרעפט זיך אַ „נס" און עס איז דאָ אַן ענין פון אסירי ציון אין רומעניע, נעמט מען אָן אַ רעזאָלוציע וועגן דעם ענין, און אויך דאַן זיינען נישט אַלע צופרידן מיט דעם.

וואָס טוען מיר פאַר די דאָזיקע יידן? ווער האָט אונדז דערלויבט זיי צו פאַרגעסן, נישט צו רעדן וועגן זיי טאָג־טעגלעך אין יעדער שעה?

זייט איך בין צוריקגעקומען פון דאָרט באַגלייטן מיך די בליקן פון יידן פון שול און זייערע פראַגן אין גאַס, איר האָט אונדז נישט פאַרגעסן? איר געדענקט אונדז נאָך? איך קען זיי נישט פאַרגעסן, נישט בייטאָג און נישט ביינאַכט. איצט איז אַ געלעגנהייטס שעה. עס האָט זיך ווי געעפנט אַ שפּאַלט אין הימל, עס זיינען דאָ לייכטע סימנים פון דעם, אַז עס האָט זיך עטוואָס גערירט. מיר דאַרפן אויסנוצן די האָפענונג, די דערוואַכונג. עס איז „פרילינג" איצט אין דער פּאָליטישער

װעלט. מען רעדט פיל װעגן דעם אין מאָסקװע. עס זײַנען פאָרגעקומען װיכטיקע ענדערונגען אין רוסלאַנד, און אין דער אינטערנאַציאָנאַלער פּאָליטיק, אין דעם לעבנס־אַרט פון רוס־לאַנד און איר אינערלעכער פּאָליטיק. פאַרװאָס זאָלן מיר נישט קענען פאָדערן אָן אױפהער, אין די טעג, אַז די פּרילינגס־װינטן זאָלן אױך דערגרײכן צו די צװײ מיליאָן אָדער אַנדערט־האַלבן מיליאָן יידן אין ראַטן פאַרבאַנד און צו די הונדערטער טױזנטער יידן אין די לענדער פון די פאָלקס דעמאָקראַטיעס? װאָס װעט דען אָפּקומען פון די הערשער פון ראַטן פאַרבאַנד אױב מען װעט דערלױבן עולה צו זײַן אַ האַלבן מיליאָן אָדער אײניקע הונדערט טױזנט יידן װעלכע װילן זיך באַהעפטן מיט זײער פאָלק, די װעלכע בענקען און װילן עולה זײַן קײן ישראל. צי װעלן זײ אױספעלן די 210 מיליאָן אײנװאױנער פון ראַטן פאַרבאַנד?

װעלן די אײנװאױנער פון ראַטן פאַרבאַנד נישט קענען עקסיסטירן אָן זײ? צוליב װאָס דאַרף מען זײ האָבן דאָרטן? און װי נײטיק זײ זײַנען אונדז! מיר זײַנען מחויב צו פאָדערן, פון דאַנען און פון ציוניסטישן קאָנגרעס און פון יידישן װעלט קאָנגרעס אַלע װאָך און אַלע חודש עס זאָל אױפגעהױבן װערן דער אײַזערנער פאָרהאַנג צװישן אונדז און דעם יידישן פאָלק דאָרט, מען זאָל דערלױבן די קאָעקזיסטענץ פון יידן מיט יידן. מען זאָל זײ דערלױבן לעבן מיט אונדז לױט זײער װילן. אױך דאָרט דאַרף זײ דערלױבט װערן לעבן אַ נאַציאָנאַלן יידיש לעבן. אָבער מיר װײסן אַז דאָס איז נישט די פולע לײזונג. מען דאַרף זײ דערלױבן עולה זײַן קײן ישראל און אונדז צוריק־געבן דעם מעכטיקן כוח פון הונדערטער טױזנטער רוסישע יידן, אין װעמענס האַרצן עס טליעט נאָך אַ יידישער פונק און װעלכע װילן נאָך לעבן דאָ װי יידן.

שרייַ, ליב פֿאָלק!

איך געדענק, און כּל־זמן איך לעב וועל איך נישט פֿאַר־געסן דעם ערב יום־כּיפּור אין וואַרשע אין יאָר 1925. כ׳בין געשטאַנען אויף די באַלעווקעס און שפּאַצירט אויף איבער די אַרומיקע גאַסן קורץ פֿאַר „כּל נדרי". אַ מעכטיקער שטראָם פֿון יידן יום־טוב׳דיק אָנגעטאָן, טויזנטער, צענטליקער טויזנ־טער! זיי האָבן געשטראָמט אין די פֿאַרשיידענע בתי־כּנסת. דער גאַנצער קוואַרטאַל איז געווען פֿאַרפֿלייצט מיט יידן, מיט „יום־טובדיקע יידן"; כ׳בין אַריין אין דער גרויסער פּרעכטי־קער סינאַגאָגע אויף טלאָמאַצקע, כ׳בין געווען אין קלענערע, פֿאָלקסטימלעכערע שולן אויף דזשיקע, קאַרמעליצקע, נאַוואָ־ליפּקי. כ׳האָב אויך געזען חסידישע „שטיבלעך". כ׳בין נישט געווען קיין רעליגיעזער ייד, דאָך האָט דאָס האַרץ געפֿלאַטערט און געקוועלט זעענדיק אַזאַ גרויס יידיש פֿאָלק וואָס לעבט מיט זיין אמונה, בציבור, עפֿנטלעך, מיטן גאַנצן האַרצן. אַרום מיר האָט געברויזט אַ מעכטיקער ים פֿון יידן, און איך בין מיטגעריסן געוואָרן מיט זיינע כוואַליעס.

און אָט איז נאָך אַ יום־כּיפּור, וועלכן כ׳וועל דאָס גאַנץ לעבן נישט פֿאַרגעסן, אין מאָסקווע, אין יאָר 1954. כ׳האָב שפּאַצירט אין אַ שטאָט וווּ עס וווינט אַ האַלבער מיליאָן יידן. כ׳האָב זיך אַרומגעדרייט מיטן אויטאָ אַרום און אַרום און געזוכט די שול לויטן אַדרעס. ערשט ווען כ׳בין אַראָפּ פֿון אויטאָ און געזוכט צווישן די זייטיקע געסלעך אַרום דער באָגדאַן כמעלניצקי־גאַס (די געוועזענע „מאַראָסייקע") — האָב איך באַמערקט אַביסל יידן, וואָס זיינען געגאַנגען אין שול אַריין און כ׳בין זיי נאָכגעגאַנגען. אויך היינט בין איך

נישט קיין רעליגיעזער ייד, אָבער דאָס האַרץ האָט אין מיר געקלאַגט און געוויייטיקט, וואָס אַזאַ גרויס יידיש פאָלק איז ווי נעלם געוואָרן.

כ׳בין אָנגעקומען צו „כל נדרי״. פאַר דער שול איז געשטאַנען אַ מענגע קבצנים, בלינדע און לאָמע, וואָס האָבן דעם „באַלעבאָס״ נישט דורכגעלאָזט און געבעטן אויפן קול אַ נדבה. כ׳בין נישט געגאַנגען דורך דעם ערן־אַריינגאַנג, דורך וועלכן עס גייען אַריין די לייט פון דער ישראל־אַמבאַסאַדע (דורכן הינטער־הויף און זייטיקע צימערן — גלייך צום בעלעמער, וואָס איז אַרומגעצוימט און אָפּגעטיילט פון די מתפללים), און האָב זיך געשטופּט צווישן עולם דורך דעם אַלגעמיינעם הויפּט אַריינגאַנג. די שול איז געווען אַזוי איבערפּולט און געפּאַקט, אַז כ׳האָב זיך נישט געקענט פון אָרט רירן אפילו אויף איין טריט. שעה׳ן לאַנג בין איך געשטאַנען צוגעדריקט אין דער דאָזיקער שרעקלעכער ענגשאַפט. יאָ, כ׳האָב דאָס געוואָלט — כ׳האָב געוואָלט זיין מיטן פאָלק, שטיין מיט יידן אַקסל ביי אַקסל, אָן אַ מחיצה: צווישן רוסישע יידן, נאָך וועלכע מיר לעכצן שוין אַזוי פיל יאָרן. כ׳האָב געוואָלט זיי זאָלן נישט וויסן, אַז כ׳בין נישט איינער פון זיי, אַז איך בין אַ גליקלעכער, אַ געקומענער פון ישראל!... און זיי האָבן טאַקע נישט באַמערקט אַז כ׳בין אַ פרעמדער. דריי שעה בין איך געשטאַנען אַ געפּרעסטער און צוגעדריקטער נישט צו רירן מיט אַ האַנט אָדער אַ פוס. בלויז ווען עמיצער האָט זיך געשטופּט אַרויסצוגיין, האָב איך געקענט מאַכן אַ טריט אָדער האַלבן טריט פאָרויס. אינם איינציקן לייטישן בית־כנסת אין מאָסקווע, האָבן יענעם אָוונט און צומאָרגנס זיך אָנגעשטופּט ביי פיר טויזנט יידן. אין פאַרלויף פון גאַנץ יום־כיפור, אַ רעגנדיקער טאָג, איז אויך אינדרויסן געשטאַנען אַן עולם פון הונדערטער יידן. אָבער נישט נאָר די מענטשן אויף דער גאַס, אויך די מענטשן אינעווייניק אָנגעשטופּטע צווישן די דורכגענג, האָבן נישט געקענט האַלטן קיין מחזור אין דער האַנט און דאַוונען. איך האָב געזען און געפילט וואָס זיי האָבן געטאָן אין דער אויף זיי אַרויפגעצוווּנגענער ענגשאַפט, ווייל

ס׳זיינען מער נישטאָ קיין שולן אין מאָסקווע: זיי — אויך זיי — האָבן אייגנוויליק און מיט ליבשאַפט זיך געשטופּט כדי צו זיין צווישן יידן. (ווייניקסטנס איינמאָל, צוויי־מאָל אין יאָר!); און צווייטנס — זיי האָבן געקוקט, שעה׳ן לאַנג געקוקט, אָן אויפהער — צום ווינקל, ווו ס׳זיינען געזעסן די מענטשן פון ישראל. אַרום מיר זיינען געשטאַנען אַלטע און יונגע. אויך יונגע. צווישן זיי איינער אַ יונגערמאַן מיט אַ רויטן שטערן אויף דער ברוסט. זיי האָבן גערעדט רוסיש און אויך יידיש. דער יידיש איז געווען אי אַ ליטווישער אי אַ דרום׳דיקער. לויט זייער אַרומקוקן זיך אויף די ווענט פון בית־כנסת, איז קענטיק געווען, אַז צווישן זיי זיינען אויך געווען אַזעלכע, וואָס זיינען געקומען פון אַנדערע שטעט. אפשר זיינען זיי ספּעציעל געקומען כדי צו זיין מיט אַ סך יידן צוזאַמען, און אפשר — כדי צו זען יידן פון ישראל.

צומאַרגנס בין איך געזעסן אויפן ערן־פּלאַץ, אויפן בעלע־מער, צוזאַמען מיט די מענטשן פון דער ישראל־אַמבאַסאַדע. פון דאָרט האָב איך געזען די הונדערטער אויגן געווענדט צו איין ווינקל, צו אונדז, אָדער צום ווינקל אויף דער גאַלאָרקע, ווו עס זיינען געזעסן די ישראל־פרויען. הונדערטער אויגן זיינען געווען אָנגעהאָנגען אויף דעם איינעם ווינקל מיט שטומען שווייגן, מיט ערנסט, מיט טיפער כוונה, מיט בענק־שאַפט, אַזוי שעה׳ן נאָך שעה׳ן, פון אינדערפרי ביז סוף „נעילה״, אָן איבעררייס. אַ פאָלק וואָס זיין האַרץ גייט אין אים אויס — שווייגט. יידן פון ישראל זיצן און שטייען אַנט־קעגן און זייער האַרץ גייט־אויס נאָך זייערע פאָלקס־ברידער — און אויך זיי שווייגן שטום.

דער חזן און דער קהל קומען אין דער תפילה צו ווערטער וואָס רעדן פאַר זיך: „ומפני חטאינו גלינו מארצנו״... „וקרב פזורינו מבין הגויים ונפוצותינו כנס מירכתי ארץ״... ו„הביאנו לציון עירך ברינה״... „ולירושלים עירך ברחמים תשוב״... „ותחזינה עינינו בשובך לציון״... אויגן באַגעגענען זיך מיט אויגן. בליקן לעכערן דורך דאָס האַרץ.

דער הדרת־פּנים׳דיקער רב שטעלט זיך אויף פאַר זיין

עדה צו דער פייערלעכער תפילה, וואָס ער אַליין וועט זאָגן, „אַ תפילה פאַרן שלום":

„אבינו שבשמים! בענטש די רעגירונג פון ראַטנפאַרבאַנד, דעם באַשיצער פון שלום אויף דער גאַנצער וועלט ונאמר אמן! אבינו מלכנו, שטאַרק די שלום־פאַרטיידיקער אויף דער וועלט בזכותיה דאהרן כהנא קדישא אוהב שלום ורודף שלום און זאָלסט געבן שלום אויף דער וועלט ונאמר אמן! אדיר במרום שוכן בגבורה דו ביסט שלום און דיין נאָמען איז שלום! יהי רצון זאָלסט געבן אונדז אַלע און דער גאַנצער וועלט לעבן און אַ ברכה למשמרת שלום ונאמר אמן!"

דער חזן מיט אַ גוטער שטים און אַ בעל ניגון מאַכט אַ „מי שברך" — פאַר קלעמענטי יעפרעמאָוויטש וואָראָשילאָוו און פאַר געאָרגי מאַקסימיליאַנאָוויטש מאַלענקאָוו.

ביי „יזכור" איז דער בית כנסת פאַרוואַנדלט געוואָרן אין איין אויפגעציטערנדיקער יללה פון טויזנטער מענער און פרויען. אין אַלע עקן שול, אויף אַלע גאַליאָרקעס האָבן מענטשן זיך צעכליפּעט אויפן קול — געוויינט אויף עלטערן, ברידער, שוועסטער, זין, טעכטער, וואָס לעבן נישט. מיט מחזורים אין די הענט און אָן קיין מחזור און סידור, מיט טליתים און אָן טליתים, געשטופּט זיך און געשטאַנען אויף די שפּיץ פינגער כדי אַריינצוקוקן אין די מחזורים וואָס אַנדערע האָבן געהאַלטן. איינזאַמע אין דער מוראדיקער ענגשאַפט, בעת אַ סך פון זיי קוקן ווי פריער צום ווינקל פון די ישראלים — שטייען זיי און וויינען און קלאָגן. נעבן מיר זיינען געשטאַנען צוויי יידן, וואָס האָבן פריער געהאַלטן אין דער האַנט עפּעס אַ צונויפגעלייגטן קאַרטאָן־בלאַט און איצט האָבן זיי אים אויפגעוויקלט. איך האָב געזען צוויי זייטן פאַר־שריבן מיט האַנט־כתב, מיט גרויסע רוסישע דרוק־אותיות (כדי גיך צו לייענען) און מיט אשכנזישער הברה:

„יזכור אלוהים את נשמת אמי מורתי, שהלכה לעולמה — נשמת אבי מורי" — און אַזוי ביזן סוף.

די צוויי יידן האָבן געלייענט דעם רוסיש־העברעאישן נוסח און זיך צעכליפּעט. דערנאָך האָבן זיי ווידער צונויפגעלייגט

דעם קאַרטאָן: זיי האָבן דערפילט די הייליקע פליכט, אויף וועלכער זיי האָבן געוואַרט פון אינדערפרי אָן, און אפשר אַ גאַנץ יאָר.

און אַז דער חזן האָט מיט אַ סך געפיל געזאָגט „אל מלא רחמים" פאַר די אַלע געשאָכטענע און געהרגעטע, דערשטיק־טע און פאַרברענטע דורך „די פאַשיסטן" (בלויז ?...) — האָט די יללה דערגרייכט דעם העכסטן גראַד. אַ גאַנץ פאָלק האָט געקלאָגט און געכליפּעט. אויך איך האָב מיטגעוויינט מיט זיי, אַ פאַריתומ׳ט און עלנט פאָלק האָט געוויינט; אַ פאָלק וואָס איז פאַרטריבן געוואָרן פון דעם מאַמע־פאָלקס טיש; וואָס איז פאַרשטומט געוואָרן; ווען ס׳איז מער נישט געבליבן ווי צו וואַרטן אויף די „ימים נוראים", ווען מ׳קען איינמאָל אין יאָר זיך צוזאַמענדריקן און צוזאַמענפּרעסן ווי איין צוזאַמענ־געשמידטע יידישע עדה; אַ פאָלק וואָס ס׳איז אים מער נישט געבליבן ווי אויסצושטרעקן אַ פאָר אויגן, בענקנדיקע, לעכצנ־דיקע אויגן, וואָס גייען אויס, אויגן דורכגעווייקט מיט אומעט, ליבע און פאַרערונג צו דער גרופּע ברידער פון ישראל, פאַר־שטייער פון מלכות ישראל, אָבער צו זיי קען מען זיך נישט דערנענטערן, ס׳איז פאַרבאָטן, פאַראַן אַ מורא, ווייל זיבן און זעכציק אויגן קוקן נאָך — — —

כ׳האָב געהערט אַ געשריי פון טויזנטער ביים סוף „נעילה": לשנה הבאה בירושלים! כ׳האָב אָבער געוווּסט, אַז די דאָזיקע האָפענונג איז אין זייערע הערצער שוין אַ גאַנץ שוואַכע. אָבער דאָס געשריי און דער געוויין פון טויזנטער ביי „יזכור" — איז געשטאַנען אין דער לופט און נישט אויפגעהערט. דאָס געשריי הענגט און טאָר נישט אויפהערן אין אונדזער לופט. פאַרוואָס האָבן הונדערטער טויזנטער יידן אין מאָסקווע בלויז איין אמת׳ן בית־כנסת? און אַ יידישע פרוי וועמענס מחזור איז צעריסן געוואָרן פון פיל טרערן, פאַרוואָס קען זי נישט באַקומען אַ צווייטן מחזור אין דער מיליאָניקער הויפּט־שטאָט? און דערוואַקסענע און יונגע יידן — פאַרוואָס זיינען זיי דערגאַנגען דערצו, אַז זיי זאָגן „יזכור" פון אַ פאַרשריבן בלעטל מיט רוסישע אותיות? און פאַרוואָס האָט מען גוזר־

געוועז שטומקייט אויף טויזנטער אויגן וואָס האָבן לאַנגע שעה׳ן נאָכאַנאַנד ווי געשריען אַן אַ קול: אוי, ווי מיר, אויך מיר, בענקען צו לעבן מיט יידן אין אַ יידיש לאַנד! און פאַר־וואָס שרעקן זיך יידן אפילו צוצוגיין צו דריקן אַ האַנט, צו רעדן עטלעכע געציילטע ווערטער מיט די פאָרשטייער פון דער יידישער מדינה? זיינען אויך סאָוויעטישע פאָרשטייער אין מדינת ישראל אַזוי איזאָלירט און מ׳טאָר מיט זיי אין קאָנטאַקט נישט קומען?

שריי, אומגליקלעכע עדה!

שריי, ליב פאָלק, אָן אויפהער!

יידיש פאָלק, רעגירונג פון ישראל, לאָזט נישט אָפּ, שווייגט נישט!

אַן אַ יידישן אות

באַלד נאָך מיין אָנקומען קיין מאָסקווע איז מיר אויסגעקומען צו זען אַן אויפציטערנדיק בילד. די טאַקסי פון דער ישראל־אַמבאַסאַדע איז צוגעפאָרן צו אַ האָטעל אין צענטער שטאָט און דאָרט געוואַרט אַ צוואַנציק מינוט. באַלד האָט זיך אַרום דער טאַקסי פאַרזאַמלט אַ גרויסער עולם. צווישן זיי אויך רוסישע יינגלעך, וואָס האָבן זיך אינטערעסירט מיט דער פירמע און מעכאַניזם פונם אויטאָ. די מערהייט איז אָבער געווען — יידן, מענער און פרויען, יינגלעך און מיידלעך. זיי האָבן זיך צוגעקוקט און זיך באַמיט איבערצולייענען די העברעאישע אויפשריפט אויף דעם אויטאָ: „קייזר, תוצרת ישראל״. זיי האָבן געלייענט יעדן אות באַזונדער, געגאַנגען פון איין זייט צו דער צווייטער, צוגעקוקט זיך צו די, וואָס זיינען געזעסן אינעווייניק. די זיינען אַוועק און גלייך זיינען אָנגעקומען אַנדערע. דאָס געזעמל האָט נישט אויפגעהערט. אַ פרוי שמייכלט מיטן גאַנצן געזיכט פון צופרידנקייט; אַ יונג מיידל זאָגט אויפן קול צו דער חבר׳טע: דער אות איז „ש״, און דאָס לעצטע איז אַ „ל״, און דער פאַרן לעצטן — געדענק איך נישט. און אָט שטייט איינער מיט אַן ערנסט פנים, ווי ער וואָלט זיך פאַרטיפט אין זיינע מחשבות. איינער רופט זיך אָן צו זיין פרוי: „נאשי!״ („אונדזערס״), און אַ מיידל נעמט די אויגן נישט אַראָפּ פון די, וואָס זיצן אינעווייניק, קוקט מיט שטומע בליקן פול מיט וואַרעמקייט. מ׳שטייט אָן אויפהער אַרום פון אַלע פיר זייטן.

אַ ישראל־ייד אין חוץ־לארץ, באַזונדערס אין אַזאַ ווייטן מרחק ווי ראַטנפאַרבאַנד, איז נאַטירלעך גליקלעך ווען ער באַקומט צוגעשיקט פונדערהיים אַ העברעאישע צייטונג און

ער איז להוט זי צו לייענען אין יעדער פרייער מינוט — אויף דער גאַס, אין מעטראָ, אין טעאַטער בעת אַן אַנטראַקט. און אָט באַמערקט אַ צייטונגס־פֿאַרקויפֿער אויף דער גאַס די העברעאישע צייטונג און ער פֿרעגט מיט גרויס בייגיר: „וואָס איז דאָס? פֿונוואַנען האָט איר דאָס?!” און ער נעמט די צייטונג און פֿרוווט לייענען; דערווייל אָבער קומען אָן נאָך קונים — כאַפּט ער די „פּראַוודאַ” און פֿאַרדעקט די העברע־אישע צייטונג, צוליב אַן עין הרע... אין מעטראָ פֿרעגט אַ פּרוי מיט פֿאַרווונדערונג: „פֿונוואַנען די ליטעראַטור?! באַ־קומט מען עס דאָ?!” אין רעסטאָראַן קוקט איינער און קוקט און פֿרעגט צום סוף מיט פֿאַרווונדערונג: „וואָס, מ׳קריגט דאָס דאָ צו קויפֿן?” בשעת דעם אַנטראַקט אין טעאַטער גייען דורך מענטשן, שטעלן זיך אָפּ, קוקן, שמייכלען צו זיך און גייען ווייטער אָדער פֿאַרהאַלטן זיך, קוקן אַריין, פּרוּוון לייע־נען; זיי הערן אַז די צייטונג פֿון ישראל קומט בלויז אָן, און ווערט נישט פֿאַרשפּרייט — און זיי טראָגן זיך אָפּ. איינער רופֿט זיך אָן, און דווקא אין העברעאיש: „זה עשרים שנה לא קראתי עברית...” און אַ פֿרוי זאָגט אין דער אשכנזישער הברה, אַביסל אין אַ פֿאַרלעגנהייט: „כבר שכחתי שפת־עבר...” אָבער קיינער פֿון זיי וואָגט נישט צו כאַפּן אַ שמועס אויף עטלעכע מינוט.

אין אַ ביכער־געשעפֿט האָב איך זיך נאָכגעפֿרעגט נאָך אַ יידיש בוך, אין יידיש אָדער אין רוסיש — וועגן יידישע ענינים. נישטאָ. כ׳בין אין מאָסקווע געגאַנגען פֿון געשעפֿט צו גע־שעפֿט, גאַס־איין גאַס־אויס, צו בוקיניסטן. נישטאָ קיין שום יידיש בוך און נישט קיין בוך אויף אַ יידישער טעמע. אויך אין אַנדערע שטעט מיט אַ קענטיקער יידישער באַפֿעלקערונג האָב איך נאָכגעזוכט אין די ביכער־געשעפֿטן. כ׳האָב בלויז געקויפֿט דאָס בוך פֿון יידישן שרייבער נתן ריבאַק — וועגן באָגדאַן כמיעלניצקי...

כ׳בין געווען אין דער ריזיקער און פּראַכטפֿולער ביבל־יאָטעק א. נ. פֿון לענין, אין מאָסקווע, די צענטראַלע, גרעסטע ביבליאָטעק אין ראַטנפֿאַרבאַנד. אַלץ וועט איר דאָרט געפֿינען.

כ׳האָב דאָרט געטראָפן די רוסיש־יידישע וואָכנבלאַט „יעווריסקאַיאַ כראָניקאַ״, וואָס איז דערשינען אין קישיניעוו אין 1912 און האָב דאָרט אויסגעזוכט מיין ערשטן אַרטיקל, וואָס כ׳האָב פאַרעפנטלעכט (אין רוסיש) וועגן ביילים־פּראָצעס אַלס גימנאַזיסט! כ׳האָב אָבער געזוכט די יידישע זאַמלונג „דער בוקעט בלומען״, די ערשטע יידיש־זאַמלונג אין בעסעראַביע, פון מיט זעכציק יאָר צוריק — און כ׳האָב נישט געפונען. מילא, אַן אַלט בוך — קיין וואונדער נישט וואָס ס׳געפינט זיך נישט דאָ. האָב איך געזוכט אין דעם קאַטאַלאָג שלום עליכם און קוים געפונען עטלעכע ביכער. פון י. ל. פּרץ האָב איך געפונען בלויז איין בוך, מיט אַן אַרטיקל און קאָמענטאַרן פון עפּשטיין (1940). כ׳האָב געזוכט ביאַליקס ווערק — האָב איך אָנגעטראָפן אויף עפּעס איינעם ב. א. ביאַליק וועגן דער דראַמאַטורגיע פון גאָרקי... און ג. י. ביאַליק וועגן טעלעוויזיע א.אַנד. כ׳האָב געזוכט ד. פרישמאַנס ווערק, און גראָד געפונען א. ד. פרישמאַן — וועגן די ראַציאָנאַלע אויסרעכענונגען אין דער קאָנדיטעריי־בראַנדזשע. כ׳האָב געזוכט זשאַבאָטינסקי — גאָרנישט נישטאָ. בן־גוריון — נישטאָ. האָט מיר אָנגענומען אַ חשק צו ליצנות און האָב געזוכט מיין נאָמען. כ׳האָב געפונען: שורער ווילהעלם — אַריסטיד בריאַן און די פונאַנדערטיילונג צווישן קירכע און מדינה אין פראַנקרייך (דערשינען באַזל־לייפּציג)...

אין גאַנץ סאָוויעט־רוסלאַנד איז נישט צו באַקומען נישט קיין יידישע צייטונג, נישט קיין יידיש בוך, נישט אין די ביכער־געשעפטן, נישט ביי בוקיניסטן, נישט אין ביבליאָטעקן און אויך נישט אין דער גרויסער לענין־ביבליאָטעק. דאַקעגן דאַרף מען נישט זוכן אין קאַטאַלאָג די סאָוויעטישע ענציקלאָפּעדיע, ווו עס געפינען זיך שוידערלעכע בלבולים אויף ישראל — די בענדער פון דער ענציקלאָפּעדיע שטייען אויף די פּאָליצעס גרייט פאַר יעדן איינעם. אויך איז נישט שווער צו באַקומען דעם „קורצן פילאָזאָפישן ווערטערבוך״, ווו עס געפינען זיך פאַרלוימדונגען קעגן יידנטום און ציוניזם, וועגן זייער קאָנטאַקט מיט ווילהעלם דעם צווייטן און מיטן צאַר,

מיט פילסודסקין, מוסאָלינין און מיט די, וואָס האָבן היטלערן געהאָלפן קומען צו דער מאַכט; און נאָך דעם צווייטן וועלט־קריג — „די אַמעריקאַנישע מאָנאָפּאָליסטן גיבן פינאַנציעלע שטיצע דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע און נוצן זי אויס פאַר שפּיאָנאַזש און סאַבאָטאַזש־צוועקן קעגן דעם לאַגער פון שלום און דעמאָקראַטיע". (דאָס דאָזיקע „פילאָזאָפישע" בוך איז איבערגעזעצט און אַרויסגעגעבן געוואָרן דורך די קאָמוניסטן אין ישראל — אָבער וואָס פאַראַ שווינדל: דער גאַנצער קאַפּיטל וועגן „יידנטום" איז דורכגעלאָזט געוואָרן!...) דאָס איז, בכן, די איינציקע ליטעראַטור, וואָס אַ לייענער אין מאָסקווע און אין גאַנץ סאָוויעטרוסלאַנד קען געפינען אויב ער וויל עפּעס וויסן וועגן יידנטום, וועגן ציוניזם און מדינת ישראל.

כ'בין געווען אין „סאַטירישן טעאַטער" אין מאָסקווע, און בעת דער הפסקה האָב איך געהערט ווי אַ פּרוי הינטער מיר דערציילט איר פריינדין: דאָ איז אַמאָל געווען דאָס יידישע טעאַטער, אָבער מ'האָט עס געשלאָסן אין „יענע יאָרן"...

נישטאָ קיין יידיש טעאַטער. נישטאָ קיין יידישע שולע. נישטאָ קיין יידישע דרוקעריי. נישטאָ קיין יידיש אות אין גאַנץ סאָוויעטרוסלאַנד. אפילו נישט קיין יידישער לוח! אין מאָסקווער שול, ביים אַריינגאַנג, הענגט אויף דער וואַנט אַ געשריבענער יאָר־לוח — פון דאָרט קען פאַרשטייט זיך, יעדער וואָס וויל איבערשרייבן אים פאַר זיך...

סאָוויעטישע מענטשן טענה'ן: יידן אינטערעסירן זיך מער נישט מיט דער יידישער שפּראַך און מיט אַלץ וואָס איז דער־מיט פאַרבונדן... אָבער אָט בין איך אין מאָסקווע געווען אויף אַ רעציטאַציע־אָוונט פון באַקאַנטן יידישן רעציטאַטאָר, עמנואל קאַמינקאַ, אַ „פאַרדינסטפולער קינסטלער" פון ראַטנפאַרבאַנד. דער גרויסער „טשייקאָווסקי"־זאַל איז געווען פול. אין פּראָ־גראַם זיינען געווען: שאַפּונגען פון טשעכאָוו, מאַרק טווען און שלום עליכם. אַן גוזמא: 90% פון עולם זיינען געווען יידן. דער רעציטאַטאָר — באמת אַ טאַלאַנט, און דער עולם האָט הנאה געהאַט פון טשעכאָוון און טווענען. אָבער אָט איז גע־

קומען די ריי פון שלום־עליכם, און — דער עולם איז ווי עלעקטריזירט געוואָרן. אַלע האָבן אָנגעשטעלט מויל און אויער, אַ ספּעציעלע יום־טובדיקייט האָט זיך געפילט אין זאַל, די פּנימער האָבן געשטראַלט. דער אַרטיסט האָט אָנגעהויבן מיט לייענען גאָרקיס בריוו פול מיט התפּעלות פאַר שלום־עליכם... (אויך דאָ איז נויטיק אַ מין „הכשר״!...) און דערנאָך איז אויסגעבראָכן אַ כוואַליע פון באַגייסטערונג פאַר די רע־ציטאַציעס פון קינסטלער, אַ באַגייסטערונג, וואָס ס׳איז נישט מעגלעך נישט צו פאַרשטיין איר באַטייט... דער עולם האָט מיט אַלע איברים מיטגעלעבט מיט שלום־עליכם׳ס מעשה׳לעך, און געפאָדערט נאָך און נאָך. דער אַרטיסט איז נאָכגעקומען דעם פאַרלאַנג פון עולם און געלייענט נאָך אַ קאַפּיטל שלום־עליכם. און ווידער שטורמישע אַפּלאָדיסמענטן. דאָס איז געווען אַן אויסלאָדונג פאַר דער געהאַמעוועטער, פאַרפרוירענער יידי־שער נשמה, און דאָס — נישט געקוקט, וואָס די רעציטאַציעס זיינען געווען אין רוסיש! אויך דערין האָבן זיי געפונען אַ מעכטיקע באַפרידיקונג. פאַרוואָס? האָבן דאָך קאָמוניסטישע פירער מיר געזאָגט, אַז יידן ראַטנפאַרבאַנד אַסימילירן זיך מיט די רוסן און זיינען צופרידן דערפון, עס פעלט זיי גאָרנישט, און זיי זיינען מער נישט פאַראינטערעסירט אין דער יידישער שפּראַך, אין אַ באַזונדער יידישער קולטור... יאָ, אַ יידישע פרוי, אַ קאָמוניסטקע, האָט פאַר מיר זיך מודה־געווען און געזאָגט: „אין טראַמוויי איז נישט באַקוועם צו רעדן יידיש... אמת, די טאַטאַרן רעדן זייער שפּראַך אין טראַמ־וויי און האָבן קיין מורא נישט״...

יידן אין מאָסקווע

ס'איז איבעריק צו זאָגן, אַז פאַר יעדן איז אינטערעסאַנט צו באַזוכן מאָסקווע אַ חודש צייט. זיינע טעג און נעכט זיינען פול מיט איינדרוקן און איבערלעבענישן. אַ ייד אָבער, באַזונ־דערס אַ ייד פון ישראל, וואָס וויילט אַ חודש אין מאָסקווע, קען זיך נישט באַגנוגענען מיט אַזעלכע איינדרוקן און מיט אַלגעמיינע איבערלעבענישן. זיינע אויגן בלאָנדזשען און זוכן. דאָס האַרץ צאַפּלט און די נשמה איז דורשטיק. אין מאָסקווע איז דאָך פאַראַן אַ האַלבער מיליאָן יידן! אַזאַ געפיל האָט נישט קיין ענגלענדער, אַמעריקאַנער, פראַנצויז, איטאַליענער, הינדוס אָדער כינעזער, וואָס קומט צו גאַסט קיין מאָסקווע. וואָס וואָלט אַ ישראל־ייד געפילט אין דער דאָזיקער שטאָט, ווען ער וואָלט נישט געהאַט די געזעלשאַפט פון דער קליינער, האַרציקער משפחה פון דער ישראל־אַמבאַסאַדע מיט די אַלע שליחים וואָס קומען אַהין אָפּט צו פירן אונטערהאַנדלונגען וועגן נאַפט, וועגן ציטרוס־פּרוכטן אדג״ל? וואָס טרעפן זיך מיט זיי יעדן טאָג אָדער יעדעס מאָל ווען מען וויל? די מעג־לעכקייט צו זיצן מיט זיי ביי איין טיש, צוזאַמען באַזוכן טע־אַטער, שמועסן, טוישן זיך מיט איינדרוקן, לייענען אַ ישראל־צייטונג, וואָס קומט אָן אין דער אַמבאַסאַדע — פאַרלייכטערט אומגעהויער דאָס לעבן אין דאָזיקן ווייטן לאַנד. מאָסקווע איז אַ גרויסער שטורמישער ים — און די ישראל־אַמבאַסאַדע איז אַ קליין אייגנזאַם אינדזעלע, ווו אונדזערע מענטשן פילן זיך אַביסל אין דער היים, אַ זייער אייגנזאַם ווינקעלע. אַ סאָ־וועטישער ייד וועט נישט וואַגן אפילו אַהין צו דערנענטערן זיך.

פאַרשטייט זיך, אַז אַ גאַסט פון ישראל קען זיך טרעפן מיטן מאָסקווער רב. מיר האָבן געשמועסט וועגן רעליגיעזע

ענינים, בית כנסת, וועגן שמירת שבת אין ישראל, ווי עס זעט אויס דער יום טוב און שבת אין די גאַסן פון אַ יידישער שטאַט אין מדינת ישראל, וועגן תורה־דינים און מדינה־געזעצן, וועגן רעליגיעזע אַרבעטער, רעליגיעזער ליטעראַטור, מוסד הרב קוק, חב״ד און י״ט כסלו. כ׳האָב זיך דערוווּסט, אַז קיין שום דיסקרימינאַציע איז נישט פאַראַן אין באַצוג צום יידישן רב און קיין שום גרינגשעצונג פון זיין כבוד. ער איז אָבער רב בלויז פאַר מאָסקווער יידן און האָט נישט קיין שום קאָמ־פעטענץ און השפעה אין אַנדערע שטעט. איך האָב אים גע־פרעגט, וואָס וועט ווערן מיט „יידישקייט״ אין ראַטנפאַרבאַנד אויב ס׳וועט אַזוי ווייטער אָנגיין די אַסימילאַציע און ס׳וועט נישט זיין קיין שום אויסדרוק פאַרן נאַציאָנאַלן יידישן לעבן? האָט דער רב געענטפערט, אַז דאָס שטייט איבער די גרענעצן פון זיין קאָמפעטענץ, וואָס איז חל נאָר אויף רעליגיעזע ענינים, און ער האָט צוגעגעבן: „אפשר, אויב ס׳וועט זיין שלום אויף דער וועלט, אויב ס׳וועט אַ סוף נעמען צום קאַלטן קריג — מיר האָפן, אַז דעמאָלט וועט די לאַגע אויף דעם געביט בעסער ווערן״. כ׳בין אַרויס מיטן קלאָרן רושם, אַז אויך דער רב, וואָס טרעפט זיך פון צייט צו צייט מיט מענטשן פון ישראל, ווייסט שרעקלעך ווייניק וואָס ס׳קומט פאָר אין מדינת ישראל. דערפון קען מען לייכט פאַרשטיין, ווי נאָך ווייניקער אַנדערע ווייסן, אויך זיינע מקורבים און מכל שכן די, וואָס זיינען ווייט פון אים.

נישט מער ווי זיי ווייסן וועגן אונדז, קענען מיר וויסן וועגן לעבן פון די יידן אין מאָסקווע. מ׳קען אין אַלגעמיין אָננעמען, אַז אויך דאָ פאַרנעמען זיך יידן מיט כל מיני מלאכות און פרנסות. פאַראַן אַ גרונט אָנצונעמען, אַז אַ סך יידן באַ־שעפטיקן זיך מיט פרייע פּראָפעסיעס — זיי זיינען פּראָפעסאָרן, דאָקטוירים, אינזשינערן, פאַבריקס־דירעקטאָרן, אַקטיאָרן, שרייבער, מוזיקער. אין אַ פּלאַקאַט פון דער מאָסקווער פּיל־האַרמאָניע — אין אַ רשימה פון באַרימטע פידלער און פּיאַ־ניסטן — האָב איך צווישן 15 נעמען געפונען אַזעלכע נעמען, ווי: „מיל הלל׳ס, יעקב זאַק, לעאָניד קאַגאַן, ס. רייכנשטיין,

מאַריאַ גרינבערג, דוד אויסטרייך, וולאַדימיר יאַמפּאָלסקי, לייב אַבאַרין״. אין אַ צווייטער מודעה האָב איך באַגעגנט דעם נאָמען ס. ק. סטוטשעווסקי, דער אָרקעסטער דיריגענט פון „באָלשאָי טעאַטער״ איז י. פּייער. אין קבלת פּנים ביי מאָלאָטאָוון אין קרעמל לכבוד דעם 7־טן נאָוועמבער, האָט זיך אויך באַטייליקט דער אויסגעצייכנטער פידלער — אַ זון פון אויסטרייך. איינער פון די גרעסטע זינגער אין דער אָפּערע איז א. מ. רייזין. צו די באַרימטסטע רעציטאַטאָרן געהערן עמנואל קאַמינקאַ. אויך צווישן זשורנאַליסטן זיינען פאַראַן נישט ווייניק יידן.

צווישן די מתפללים אין בית כנסת האָט מען אויך געפונען מענטשן אין מונדירן, באַן־אַרבעטער, פּאָסט־באַאַמטע אדג״ל. פיל באַשעפטיקן זיך מיט האַנט־ווערק (שוסטעריי ווערט איצט אָנגערופן „רעמאָנט פון שיך״), שאַפּעריי, אָנגעשטעלטע אין געשעפטן. צווישן די קיאָסקן־אינהאָבער ביי דעם באַן־וואָקזאַל און אויף די קאָלכאָז־מערק זיינען פאַראַן אַ סך יידן. אויך אַ סך צייטונגס־פאַרקויפער אויף די גאַסן זיינען יידן.

אַלע ווייסן, אַז אין דער לעצטער תקופה פון סטאַלינס לעבן, באַזונדערס אין די חדשים פון פּראַגער פּראָצעס און דאָקטוירים־עלילת־דם אין מאָסקווע, האָט געהערשט אַ דער־שטיקנדיקע אַנטיסעמיטישע אַטמאָספער אין ראַטנפאַרבאַנד. איצט זיינען אַלע מודה, אַז די אַטמאָספער האָט זיך פאַרבע־סערט. מ׳דאַרף אָבער נישט מיינען, אַז די דאָזיקע ספּעציעלע באַציונג צו יידן איז אינגאַנצן פאַרשווונדן. אַ יידישע פרוי האָט געזאָגט אין מאָסקווע: „אונדזער יוגנט אַסימילירט זיך כסדר. אַ סך יידן גייט עס שוין נישט אָן, אָבער מ׳לאָזט אונדז אויך נישט פאַרגעסן, אַז מיר זיינען יידן״. אָן ספק איז די שנאה־אַטמאָספער מיט צוויי יאָר צוריק נישט געבליבן אָן אָפּקלאַנג אין פיל יידישע הערצער, אויך ביי אַזעלכע, וואָס האָבן שוין נישט געדענקט זייער יידישן אָפּשטאַם. סטודענטן, וואָס זיינען געזעסן אינדערפרי און געוואַרט אויפן פּראָפעסאָר — און ער איז נישט געקומען, ווייל ביינאַכט איז ער „אָפּגע־רוימט״ געוואָרן; אַ גאַנצער מנין פּראָפעסאָרן און אוניווער־סיטעט־אָנגעשטעלטע, וועלכע זיינען פּלוצלונג רעדוצירט

געוואָרן — אוממעגלעך, אַז אַזעלכע פאַקטן זאָלן נישט מאַכן אַ טיפן איינדרוק. דער עצם בלבול אויף די גרעסטע דאָקטוירים האָט געמאַכט זייער אַ שווערן רושם אויף אַ סך בירגער פון ראַטנפאַרבאַנד, וואָס האָבן די זאַך נישט געקענט אויפנעמען פשוט. דאָס ליקווידירן דעם בלבול דערנאָך און די באַפרייונג פון די דאָקטוירים האָט נאָך מער דערשיטערט דעם בלינדן גלויבן אין אַ סך הערצער און האָט פאַרשטאַרקט די באַהאַל־טענע אָבער טיפע אַפּיקורסישע געדאַנקען. ס׳וועט לגמרי נישט זיין קיין איבעראַשונג ווען אין איינעם אַ טאָג וועט זיך אַרויסווייזן, אַז אויך יוגנט און יוגנגעלייט, וואָס זיינען אַסי־מילירט און דערצויגן אין קאָמסאָמאָל, האָבן אין יענע טעג באַקומען אַ „שאָק״ און אַ „יידישן האַרץ־אַטאַק״. אויך די מעשיות וועגן „רעאַקציע״, „אימפּעריאַליזם״, און „פאַרקנעכ־טונג צו אַמעריקע״ פון מדינת ישראל, זיינען געוויס משפיע אויף אַ טייל פון סאָוועטישע יידן, גענוי ווי די לעגענדעס וועגן אַ מוראדיקער אַרבעטסלאָזיקייט און הונגער אין ישראל. עס זיינען אָבער געוויס אויך פאַראַן אַ סך יידן אין ראַטנ־פאַרבאַנד, אויף וועלכע די מעשיות האָבן נישט קיין אַנט־שיידנדיקע ווירקונג.

מיט צוויי פראַגן האָב איך זיך אַרומגעטראָגן, און זייער געוואָלט באַקומען אויף זיי אַ תשובה:

א. וואָס וייסן די יידן אין מאָסקווע וועגן די „אסירי ציון״, וואָס שמאַכטן שוין צענטליקער יאָרן אין די רוסישע אַזיאַטיש־צפונדיקע מרחקים?

ב. וואָס ווייסן יידן אין מאָסקווע וועגן דער „יידישער אויטאָנאָמער רעפּובליק״ אָדער „יידיש אויטאָנאָמישער קרייז״ אין בירא־בידזשאַן?

ג. וואָס ווייסן יידן אין מאָסקווע וועגן גורל פון די יידישע שרייבער, וואָס זיינען שפּורלאָז פאַרשוואונדן?

אויף די אַלע פראַגן האָב איך נישט באַקומען קיין שום ענטפער. נישטאָ ווער עס זאָל ענטפערן. בכלל זיינען אפשר פאַראַן בלויז יחידים, וואָס ווייסן עפּעס וואָס וועגן דעם אָדער וועגן אַנדערע ענינים, וואָס איך האָב אויסגערעכנט, אָבער

ווער זיינען זיי? און אויב מ׳וועט זיי געפינען — וועלן זיי דען עפעס זאָגן?

דערווייל זענען פאַראַן בלויז קלאַנגען: יש אומרים, אַז די שרייבער, אָדער אַ טייל פון זיי, לעבן און אַרבעטן אין פאַרוואָרפענע ווינקלען, זיי שרייבן אָדער מאַכן איבערזעצונ־גען. וועגן ביראָבידזשאַן וועט אפשר מעגלעך זיין עפעס צו וויסן, אויב עמיצער אַ באַגלויבטער פון אויסלאַנד וועט דאָרט באַזוכן. וועגן די אַלטע אסירי ציון איז זייער שווער צו האָפן אויף ידיעות. אויב ס׳וועט נישט פאָרקומען עפעס אַן ענדערונג אין דער באַציונג צו זיי, צו די רעשטלעך וואָס לעבן נאָך. און פאַרוואָס זאָלן מיר נישט האָפן, זאָלן מיר נישט פאָדערן אַזאַ ענדערונג? איז דען זייער איינציקער „חטא” נישט דאָס, וואָס זייער האַרץ איז געווען מיט ציון? און זיצט איצט נישט אין מאָסקווע אַ כשרער אָפיציעלער און בכבודיקער פאָרשטייער פון ציון, פון מדינת ישראל?

קישעניעוו

דעם 20־טן אָקטאָבער איז אין מאָסקווע געפאַלן אַ שניי און ס׳איז געווען אַ קאַלטער שטורעם־ווינט. צומאָרגנס בין איך אָפּגעפלויגן פון מאָסקווער פּלי־פּלאַץ און נאָך אַ קורצער צווישן־לאַנדונג אין קיעוו בין איך אין 5—6 שעה אַרום אָנגעקומען קיין קישעניעוו, דער הויפּטשטאָט פון דער סאָוועטיש־מאָלדאַווישער רעפּובליק. און אָט — שיינט די זון, אַן אָנגענעמע וואַרעמקייט, בליענדיקע גרינקייט. יענע גאַנצע וואָך — סיי אין אָדעם, סיי אין קיעוו — האָב איך כלל ניש געדאַפט דעם ווינטער־מאַנטל.

ווען דער עראָפּלאַן האָט אָנגעהויבן צו לאַנדן איבער דער שטאָט, וואָס האָט, לויט אַלע וואַרשיינלעכקייטן, געזאָלט זיין קישעניעוו — האָט זיך אין מיר דערוועקט אַ גרויסער ספק, צי איז דאָס טאַקע די שטאָט. דער ספק איז מיר געקומען צוליב דער גרויסער אָזיערע, וואָס איך האָב דערזען פון עראָפּלאַן און, ווי איך האָב געדענקט, איז אַזאַ אָזיערע קיינמאָל נישט געווען אין דער שטאָט, ווו איך האָב פאַרבראַכט מיין יוגנט און זי גוט געקענט. דאָס איז אָבער פּאָרט געווען קישעניעוו און די קינסטלעכע אָזיערע איז טאַקע געווען אַ נייעס. ווען איך האָב דערנאָך שפּאַצירט איבער דער שטאָט און איבער אירע פּעריפעריעס, האָב איך הנאה געהאַט, זעענדיק ווידער די לאַנדשאַפט, וואָס איז אַזוי ענלעך צו אונדזער ישראל־פּייסאַזש — אַ טאָל און אַרום נישט הויכע בערגלעך באַדעקט מיט גרינע גראָז־טעפּיכער אין ווינטער (דאָס איז דער גאָלדענער האַרבסט); און אָט איז דער „באיאַקאַנישער אָראָפּהאַנג״ צום פלאַכלאַנד, וואָס איז אַרומגערינגלט מיט בערגלעך, און איז אין די לעצטע יאָרן פאַרפלייצט געוואָרן מיט אַ סך וואַסער

און בילדעט אַן אַזיערע פּאָר ספּאָרט און פֿאַרוויילונגס־צוועקן.
דריי שיינע, אַנגענעמע טעג האָב איך געוויילט אין דער שטאָט, ווו איך האָב זיך אויסגעהאָדעוועט. כ׳בין געגאַנגען צו פוס פון איין עק צום צווייטן, איבער די גאַסן, געסלעך און גערטענער, וואָס זיינען איינגעהילט אין ווייטע זכרונות, געזוכט רעשטלעך פון עבר און נישט געטראָפן קיין איין מענטש פון יענער תקופה מיט 40 יאָר צוריק. נישט קיין מענטש, נישט קיין אַנשטאַלט. אפילו די רעאַל־שול, ווו איך האָב געלערנט, האָב איך בשום אופן נישט געפונען. אין דעם הויז, ווו עס איז אַמאָל געווען דער ועד הקהילה און די כאָרשול, איז איצט אַ רוסישער טעאַטער (דער מאָלדאַווישער טעאַטער איז אין אַ גרויסן פּרעכטיקן בנין). אין דער „קצבישער שול״, פון די שענסטע — איז איצט אַן אַרכיוו. דער גרויסער בית־כנסת, די „יבנה״־שול, — זיינען נישטאָ. געבליבן איז בלויז די קליינע „גלעזערס״־שול, וואָס איז אויך חרוב געוואָרן, אָבער צוריק אויפגעבויט. די אויבערשטע גאַסן, פון דער הויפּט־גאַס און העכער — זיינען כמעט אינגאַנצן אויסגעהיט געוואָרן: שטילע גאַסן, באַפלאַנצט מיט ביימער־אַלייען, וואָס זייערע שפּיצן פאַראייניקן זיך אויבן און באַדעקן כמעט דעם שאָסיי. די הויפּט־גאַס איז באַנייט און פאַרבעסערט געוואָרן. אַ זייער שיינער פּלאַץ צווישן „שטאָטישן גאָרטן״ און דעם „בולוואַר״, און אין צענטער אַ גרויסער לענין־מאָנומענט. אין גאָרטן — אַ פּושקין־דענקמאָל נאָך פון לאַנגע יאָרן און אַ סך אַנדערע סקולפּטורן. די גאַסן הינטער דער הויפּט־גאַס (אַמאָל אַלעקסאַנדער־גאַס, און איצט „פּראָספּעקט לענין״) — זיינען, ווי מ׳האָט מיר געזאָגט, כמעט אינגאַנצן צעשטערט געוואָרן בשעת דער מלחמה, און צוריק אויפגעבויט געוואָרן; אָבער אויך איצט זעען זיי אויס גענוג אָרעם. די שאָסייען זיינען צעבראָכן, אַן אַ גאַנצן טראָטואַר. דער טראַמוויי הויבט אויף אַ שרעקלעכן שטויב־וואָלקן. די גאַסן אין דער אונטערשטאָט, ווו ס׳האָבן תמיד געוווינט אַ סך יידן, און ווו ס׳זיינען אַפּנים אויך איצט קאָנצענטרירט די מערהייט יידן — האָבן אַ זייער נעבעכדיקן אויסזען. לויט פאַרשיידענע ווערסיעס, זיינען פאַראַן אין

שטאַט 25—30, און אפשר אפילו 35 טויזנט יידן. אַ טייל איז צוריקגעקומען פון די ווייטע ערטער, ווו זיי האָבן אַנגעשפּאַרט אין די מלחמה־יאָרן. אַנדערע זיינען דאָ אַריבער פון שטעטלעך און דערפער. אַ סך פון די אַלטע קישעניעווער איינוווינער, וואָס זיינען לעבן געבליבן, וווינען איצט אין טשערנאָוויץ, וואָס איז אויך, כידוע, אינערהאַלב דעם סאָוויעטישן פאַרבאַנד.

*

ביי די עקזיסטירנדיקע אומשטענדן אין ראַטנפאַרבאַנד איז, פאַרשטייט זיך, שווער צו וויסן — און אוודאי איז שווער צו וויסן פּינקטלעך — מיט וואָס יידן באַשעפטיקן זיך. נישטאָ ביי וועמען צו פרעגן, וואָס זאָל וויסן צו ענטפערן. לויט מיינע איינדרוקן — זיינען צווישן קישעניעווער יידן פאַראַן אַרבעטער, האַנטווערקער, פאַרקויפער אין מלוכה׳שע אַנשטאַלטן, קיאָסקן־אינהאַבער, דאָקטוירים, קראַנקן־שוועסטערס, בוכהאַלטערס, אַרבעטס־לייטערס, זשורנאַליסטן, אַרטיסטן און טעאַטער־אַנגעשטעלטע, אינזשיניערן, לערער און אַנדערע פאַכלייט. מ׳דאַרף אָננעמען, אַז אַזאַ איז די לאַגע אויך אין אַנדערע שטעט. אין קישעניעוו, אַזוי ווי אין קיעווער „פּאָדאָל״ זיינען פאַראַן גרעסערע יידישע קאָנצענטראַציעס אין איין טייל פון דער שטאָט. אין אַנדערע שטעט זיינען יידן מער צעשפרייט איבער דער גאַנצער שטאָט. אין קישעניעוו קען מען הערן אין די יידישע גאַסן רעדן יידיש. רוסיש הערט מען נישט מער ווי רומעניש אין דער דאָזיקער מאָלדאַווישער הויפּטשטאָט. אויך די אויפשריפטן אויף די שילדן זיינען אין מאָלדאַוויש און רוסיש.

פערזענלעכע סענטימענטן האָבן מיר געפירט צו פאַרגעסענע גאַסן, וואָס כ׳האָב צענדליקער יאָרן נישט געזען: צום אָרט, ווו ס׳האָט זיך געפונען מיין זיידנס הויז, מיט וועלכן ס׳איז פאַרבונדן מיין קינדהייט, און זיין שפּעטערדיקע דירה, מיט וועלכער ס׳זיינען פאַרבונדן זכרונות פון מיין יוגנט. דאָס הויז איז מיר גוט־גוט באַקאַנט. אויף אייביק זיינען איינגעקריצט אין מיין זכרון יענע שרעקלעכע מאָמענטן פון אָנהויב

פאַגראָם. 1903, דעם לעצטן טאָג פּסח, ווען עס האָבן מיטאַמאָל אָנגעהויבן צו פליען שטיינער אין הויף אַריין, און די איינ־ווױנער פונם שכנדיקן הויף קלעטערן איבערן פּלויט און דאַך, כדי זיך אויסצובאַהאַלטן אין אונדזער הויף. און דערנאָך — צוויי קאָשמאַרפולע טעג — טויט־שרעק אין פאַרהאַמערטן הייזל און דאָס אויסבאַהאַלטן זיך אין אַ גוייש הויז אויף יענער זייט גאַס, ווו אַ צלם און איקאָנע אין די פענצטער באַשיצן דאָס הויז פאַר די צעווילדעוועטע פאָגראָמשטשיקעס. איצט האָב איך אויף דעם אָרט געפונען נישט מער ווי אַ גרויסע קופּע שטיינער. צו מיין איבעראַשונג האָב איך געטראָפן אַן אַלטן גוי, וואָס וווינט אין שכנות און געדענקט דעם זיידן מיינעם. די צווייטע דירה אין דעם ברייטן הויף מיט די פיל יידישע איינוווינער — אויך פון איר און פון דעם אַלעם אַרום איר איז קיין שריד נישט געבליבן. דאָרט איז איצט אַ האָלץ־סקלאַד אויף דעם ברייטן כמעט ליידיקן פּלאַץ.

אין בית הכנסת, פרייטיק־צו־נאַכטס און שבת, זיינען געווען עטלעכע מניינים יידן, כמעט אַלע יידן אין טיפן עלטער. אויך זיי האָבן מורא געהאַט צופיל מיט מיר צו רעדן.

אין עק פון דער „אויבערשטער שטאָט", איז בעת מיין באַזוך פאָרגעקומען אַ לאַנדווירטשאַפטלעכע אויסשטעלונג פון דער רעפובליק, וואָס האָט צוגעצויגן אַ גרויסן עולם פון דער שטאָט און אומגעגנט. אין יענעם שטאָט־טייל געפינען זיך איצט הויכשולעס, וואָס זיינען אין די צאַרישע צייטן דאָ נישט געווען. אויף דער הויפּט־גאַס פון קישעניעוו האָב איך אין די שפּעטע אָוונט־שעה'ן געזען לאַנגע „אָטשערעדן" ביי די שפּייז־געשעפטן; דערונטער אויך „רייען" נאָך ברויט.

*

אין קישעניעוו איז נישטאָ קיין „אינטוריסט" און מ'האָט נישט באַשטעלט פאַר מיר קיין אָרט פאַר מיין קומען. אָנ־קומענדיק אין איינציק־לייטישן האָטעל אין שטאָט האָב איך זיך שלעכט געפילט, ווייל ס'איז נישט געווען קיין ליידיקער צימער. דער האָטעל־דירעקטאָר האָט אָבער אויף מיין בקשה

זיך וואָרעם אָפּגערופֿן און גאָר גיך איז אַלץ דערליידיקט געוואָרן. די גאַנצע דריי טעג האָב איך געפֿילט זיין פֿריינטשאַפֿטלעך־האַרציקע באַציונג און כמעט ברידערלעכע זאָרג פֿאַר מיין געזונט — אין קעגנזאַץ צום פֿריקרען געפֿיל, וואָס האָט מיר גורם געווען דער „שאָטן", וואָס האָט מיר דאָרט באַגלייט די גאַנצע צייט — האָט די אָפֿענע פֿריינטשאַפֿט פֿון דעם האָטעללייטער מיר פּשוט מחייה געווען.

פֿון די ערשטע מינוטן ווי כ׳בין אַרויס פֿון מיין האָטעל אין קישענעוו — האָב איך געזען ווי אַ יונגערמאַן שפּירט מיר נאָך טריט ביי טריט, גייט מיר נאָך פֿון איין גאַס צו דער אַנדערער, פֿון געסל צו געסל. כ׳האָב גוט באַמערקט, ווי ער האָט זיך פֿאַרהאַלטן בשעת איך האָב זיך פֿאַרהאַלטן און געשטעלט גיכערע טריט ווען איך האָב זיך אָנגעהויבן צו איילן. אין משך פֿון די דריי טעג האָבן די „באַכשפּירערס" זיך ווייניקסטנס דריי מאָל געביטן.

עטלעכע שעה נאָך מיין אָנקומען אין דער שטאָט בין איך געשטאַנען פֿאַר דעם הויז, ווו מיינע עלטערן האָבן לאַנגע יאָרן געוווינט, ווו כ׳בין דערצויגן געוואָרן און פֿון דאָרט אַרויס אין וועג קיין ארץ־ישראל, נאָך פֿאַרן ערשטן וועלטקריג. אַ טיף־גערירטער בין איך געשטאַנען אין ראָג, קעגנאיבער דעם הויז. באַלד האָבן מיר עטלעכע פֿון די איינוווינער באַמערקט און געפֿרעגט וועמען איך זוך. איך האָב זיי געענטפֿערט: „איך זוך דאָ קיינעם נישט; מיין גאַנצע משפּחה איז אין ארץ־ישראל, און איך בין געקומען בלויז זען דאָס אָרט, ווו איך האָב געלעבט מיט 41 יאָר צוריק". דאָס קומען פֿון אַ ישראל־ייִד — דאָס ערשטע מאָל — האָט אין זיי, פֿאַרשטייט זיך, דערוועקט אינטערעס און זיי האָבן מיר געפֿרעגט, ווי לעבן דאָרט ייִדן אדג״ל. מיר האָבן געשמועסט ייִדיש און רוסיש. פּלוצים באַמערק איך, אַז צווישן דעם געזעמל שטייט אויך ער, מיין „שאָטן", וואָס האָט אויפֿגעהערט צו זיין אַ „רואה ואינו נראה" און קוקט און הערט... אַ רגע האָב איך זיך געמאַכט נישט זעענדיק און ווייטער גערעדט וועגן דעם געפֿיל, וואָס איך האָב שטייענדיק איצט פֿאַרן הויז, ווו כ׳האָב

געלעבט; אין אַ ווייל אַרום האָב איך זיך געווענדעט צו אים, צום בלאָנדן רוסישן בחור, און געפרעגט, וואָס איז זיין מיינונג וועגן אַזאַ איבערלעבניש פון אַ מענטש, וואָס איז געקומען נאָך פערציק יאָר זען דאָס הויז, ווו ער האָט געוווינט אין דער יוגנט... כ׳בין מיט אים אריין אין אַ לאַנגן שמועס. ער האָט זיך אינטערעסירט, צי אַלע יאָרן בין איך נישט געשטאַנען אין אַ בריוולעכן קאָנטאַקט מיט מיינע קרובים אין דער שטאָט... כ׳האָב איבערגעחזר׳ט, אַז קיין קרובים האָב איך דאָ נישט. ווי ער קען זען, געדענקט דאָ קיינער נישט מיין משפחה. דערנאָך האָב איך אים געבעטן מיטגיין מיט מיר אין הויף, ווייל כ׳בין נייגעריק אַ קוק צו טאָן ווי עס זעט אויס. מיר זיינען אַריין און צוריק אַרויס און ווייטער געשמועסט, ביז ער האָט אַ קוק־געטאָן אויפן זייגער, געזאָגט אַז ער האָט נישט קיין צייט און איז אַוועק. כ׳האָב אים, פאַרשטייט זיך, נישט געקענט פאַרהאַלטן; בפרט, אַז כ׳בין זיכער געווען, אַז מ׳וועט זיך נאָך זען. ער איז אַוועק און איך האָב נאָך געשמועסט מיט די מענטשן. שפּעטער אַביסל ווען כ׳האָב ווידער שפּאַצירט איבער די גאַסן (ס׳איז שוין געווען אָוונט), צום האָטעל צו, האָב איך אים טאַקע געזען שפּאַצירן אויפן זעלבן וועג, אויף יענער זייט שאָסיי. ווייל מיר האָבן זיך שוין געהאַט באַקענט, האָב איך אַריבערגעקוקט צו אים — דאָס איז אים אַפּנים נישט געפעלן און ער האָט זיך אָפּגעטראָגן — און דערנאָך, פאַר־שטייט זיך, האָט ער ווידער דערפילט זיין אויפגאַבע...

מ׳דאַרף זיך נישט וווּנדערן, וואָס יידן (אין אַ געוויסע מאָס אויך נישט־יידן) האָבן אַזוי מורא פאַר וועלכן נישט איז קאָנטאַקט מיט מענטשן פון אויסלאַנד, באַזונדערס מיט מענטשן פון ישראל, וואָס שמעקן מיט פּסול׳ן ציוניזם... אויב ס׳איז דאָ אַן אויג וואָס זעט און אַ ביכל וואָס פאַרשרייבט — איז יעדער, וועמען דאָס לעבן איז טייער, דערווייטערט זיך פון דער סכנה. אויך דער אויסלענדער, אויב ער איז אַ פאַראַנטוואָרט־לעכער מענטש און איז נזהר מיט יענעמס לעבן, וועט ער אויסמיידן צו שטעלן יידן אין סכנה. אַזוי אַרום שאַפט זיך די אויפטרייסלענדיקע לאַגע, אַז ס׳איז נישטאָ קיין קאָנטאַקט

צווישן ברידער פון איין פאָלק, וואָס גייען אָן ספק אויס זיך צו באַגעגענען, דערנענטערן, זיין צוזאַמען און בויען צוזאַמען, שאַפן צוזאַמען, זיין איין יידיש־פאָלק. נישטאָ כמעט קיין בריוולעכער קאָנטאַקט צווישן פאַמיליע פוןביידע זייטן מויער, בעת זייער צאָל איז אַזוי גרויס. נישטאָ קיין מינדלעכער קאָנ־טאַקט ווען עמיצער פון דאַנען קומט אַהין אָן. ס׳איז פאַראַן „באַוועגונגס־פרייהייט״, אָבער מ׳קען זיך פריי באַוועגן בלויז אין אַ זייער קורצן ראַדיוס, און דער קרייז — איז געשלאָסן.

*

כ׳בין אָפּגעפּלויגן פון קישעניעוו און געוואָרפן דעם לעצטן בליק אויף דער שטאָט, ווו עס זיינען אַמאָל קולטיווירט געוואָרן די ערשטע שפּראָצונגען פון „צעירי ציון״ — דער צווייטער דור פון די ערשטע ציוניסטן ד״ר כהן־בערנשטיין, ד״ר כהן־לב, אינזשיניער גאָטליב, ברילייאַנט א. אַנד.; ווו ס׳האָבן זיך אַראָפּגעלאָזט די ערשטע אַכזריותדיקע קלעפּ פון ערשטן פּאָגראָם אין 1903 און צווייטן פּאָגראָם אין 1905; ווו ס׳האָט זיך געהערט די שטאָלצע ציוניסטישע רעדע פון חיים גרינ־בערג אין „קאָנסטיטוציע״־יאָר (1905) אויף דער מאַסן־דע־מאָנסטראַציע; ווו ס׳איז אַ ריי יאָרן געווען טעטיק יוסף שפּרינצאַק; פון וואַנען ס׳זיינען עולה געווען קיין ישראל גרינדער פון שטעט און קיבוצים, אַרבעטער און שומרים, שרייבער און דיכטער, די שטאָט, וואָס איז געווען אַ טראַנזיט־פּונקט פאַר טויזנטער חלוצים פון דער דריטער עליה; ווו ס׳איז געווען אַ מוסטערהאַפטע העברעאישע קולטור־טעטי־קייט; ווו ס׳זיינען דערשינען העברעאישע און יידישע צייטונ־גען, זשורנאַלן און ביכער; ווו ס׳איז געווען אַ יידישער טע־אַטער; ווו ס׳האָט געלעבט הרב י. ל. צירלסאָן; ווו ס׳האָבן געבליט העברעאישע שולן און ווו איך האָב איצט קיין שריד און פּליט נישט געטראָפן פון דעם אַלעם.

כ׳בין געווען דער ערשטער ארץ־ישראל־ייד, וואָס האָט באַזוכט קישעניעוו אין די לעצטע 15 יאָר. כ׳בין דאָרט געווען אַזוי איינזאַם און פרעמד — ביז פאַרצווייפלונג. ווען מיין

באַזוך האָבן זיך דערוווסט בלויז איינצלנע יחידים, וועלכע איך האָב צופעליק באַגעגנט אין בית־הכנסת, אין האָטעל, אָדער אין קראָם, פאַרוואָס אַזוי?

יאָ איך האָב געהאַט אַ גרויסע זכיה: באַקאַנט צו מאַכן דער יידישער וועלט, אַז דער שרייבער זלמן ראָזנטאַל, דער פירער פון די בעסאַראַבישע שרייבער און רעדאַקטאָר פון דער יידישער צייטונג, איז צוריקגעקומען צו זיין פאַמיליע, באָכדעם ווי ער איז פון איר אָפּגעריסן געוואָרן אויף 14 יאָר, און אַלע זיינע פריינט אין ישראל און אין די תפוצות האָבן אים שוין געהאַלטן פאַר אַ פאַרלוירענעם. מעג מען בכן זאָגן: „גם זו לטובה".

אין אָדעס, קיעוו און לענינגראַד

אין קישעניעוו האָב איך געקענט יעדע גאַס און יעדעס געסל. הגם איך האָב זיך דאָרט געטראָפן נאָר מיט איינצעלנע יידן, — און דאָס בלויז צופעליק (אין האָטעל, שול צי קראָם), — איז מיר געווען לייכטער צוליב די זכרונות און מיין נייגיר צו זען די ערטער, וווּ עס זענען אָפּגעלאָפן מיינע יוגנט יאָרן. פאַר מיין עליה קיין ארץ ישראל האָב איך עטלעכע מאָל באַזוכט אָדעס. אָבער די שטאָט איז פאַר מיר געווען פרעמד. קיעוו האָב איך איצט באַזוכט צום ערשטן מאָל און דאָס זעלבע לענינגראַד. איז אַ ווונדער, אַז אַ מענטש קומט אין אַ פרעמדער שטאָט, נישט האָבנדיק קיין באַקאַנטע און קיין קרובים, אַז ער פילט זיך אַזוי פאַראייננזאַמט ?

איך האָב באַזוכט אין מיין לעבן פיל פאַרשיידענע שטעט אין אַלע טיילן פון אייראָפּע. איך האָב דאָרט נישט געהאַט קיין פריינט און משפחה. איך בין געווען אין מזרח־אייראָפּע: פוילן, גאַליציע, רומעניע, און איך בין אויך געווען אין עסט־רייך, דייטשלאַנד, פראַנקרייך, ענגלאַנד און טשעכאָסלאָוואַקיע. נאָך מער: איך האָב אין אָנפאַנג 1948 פאַרברענגט עטלעכע טעג אין קאָמוניסטישן בולגאַריע. אָבער איך האָב אין קיין שום אָרט זיך נישט געפילט אַזוי דערשלאָגן פאַר־איינזאַמט, ווי איצט, אין די שטעט פון ראַטן־פאַרבאַנד.

געוויס, אין יעדן אָרט איז דאָ אַן אינטערעס פאַר אַלץ, וואָס מ׳זעט דאָרט, פאַר די איינוווינער, אינסטיטוציעס, פאַר־ווייַלונגס ערטער א.אַז.וו. אָבער ווי אַ ייד און אַ נאַציאָנאַלער ייד איז מיין זעלישע פאַראינטערעסירונג צו קומען אין באַ־רירונג מיט די אָרטיקע יידן, מיט די ציוניסטן, מיט דער יוגנט, מיט די קהילה אַנשטאַלטן, מיט די קולטור אינסטיטוציעס, רעדאַקציע פון דער צייטונג, שול, וכדומה.

דאַרף מען דערמאָנען ווי אַזוי מיר פלעגן קומען אין די שטעט און שטעטלעך פון פוילן, גאַליציע, ליטע, לעטלאַנד, רומעניע?

אויך אין פראַנקרייך און ענגלאַנד האָבן מיר זיך פאַראינ־טערעסירט נישט בלויז מיטן לוווער און בריטישן מוזעאום.

אין קאָמוניסטישן בולגאַריע האָב איך נאָך זוכה געווען ווי געזאָגט אין 1948, צו אַ נאָענטער באַגעגעניש מיט אַן אָרגאַניזירטער יידישער קהילה, מיט ציוניסטן און ציוניסטן־סאָציאַליסטן.

איצט האָב איך באַזוכט שטעט מיט צענדליקער און הונ־דערטער טויזנטער יידן. אין קיעוו — האָט מען מיר געזאָגט — לעבן 160 טויזנט יידן. און עס איז שווער צו שילדערן דאָס געפיל פון אַ ישראל־מענטש, וועלכער פאַרברענגט עטלעכע טעג אין איינער פון דאָזיקע שטעט און ער האָט נישט קיין שום אַדרעס, צו וועלכן ער קאָן זיך ווענדן אַלס ייד. זאָל ער זוכן די קהילה? זאָל ער גיין אין יידישן טעאַטער? זאָל ער מאַכן אַ באַזוך אין רעדאַקציע פון אַ יידישער צייטונג? זאָל ער אַריינגיין אין אַ יידישער שול? זאָל ער זיך ווענדן צו אַ יידישער ביבליאָטעק? אָדער זאָל ער ווייניקסטנס אָפעסן אין אַ יידישן רעסטאָראַן? נישטאָ קיין צייכן פון דעם אַלעם!

אין קישעניעוו בין איך אָנגעקומען ענדע וואָך. בין איך פרייטאָג־צו־נאַכטס און שבת אַוועק אין שול — די איינציקע אין שטאָט — און דאָרט געטראָפן צענדליקער יידן, האָב איך כאָטש אַ ווייל זיך געפילט צווישן יידן.

אין אָדעס און קיעוו בין איך געווען אין די וואָכן־טעג. אין שול האָב איך בלויז געטראָפן דעם שמש אָדער צוויי שמשים.

איך בין דעריבער געגאַנגען איבער די גאַסן און געזוכט יידישע פנימער ביי די לאַנגע רייען (אין אָדעס האָב איך אין איין רייע אָפגעציילט 200 פרויען פאַר מיטאָג און אין קיעוו — 500 מענטשן לעבען אַ שפּייז־קראָם), צווישן צייטונגס־פאַר־קויפער, צווישן די קיאָסקן אייגנטימער און אין די קראָמען.

וואָס אָבער האָב איך געקאָנט טאָן ביי אַזעלכע באַגע־

געמישן מיט יידן? דאָס האַרץ איז מיר אויסגעגאַנגען צוצו־
גיין, זיך אַוועקזעצן, שמועסן און הערן ווי יידן לעבן, וואָס
זיי טראַכטן און פילן. אָבער צי קאָן מען סתם צוגיין צו אַ
מענטשן אין גאַס, אים אָננעמען ביים לאַץ פון פּאַלטאָ און
צו אים זאָגן: „איר האָט אַ יידישע נאָז, טאָ לאָמיר זיך אַביסל
אויסשמועסן?"

איך בין צוגעגאַנגען צו אַ יידן, וועלכער איז געשטאַנען
אין דער ריי און אים געפרעגט: „ווי לאַנג דאַרף מען שטיין
און אַזאַ לאַנגער ריי ביז מ׳קומט צו אַ „תכלית"?

ער האָט געענטפערט: „אַ שעה פיר!" „אָבער דער עיקר",
האָט ער צוגעגעבן, „איז אַ פראַגע, וואָס עס איז דאַן נאָך פאַר־
בליבן אין דער קראָם".

אַ ווײַלע שפּעטער, ווען ער האָט זיך געכאַפּט, אַז איך בין
אַן אויסלענדער, האָט ער שטאַמלענדיק געזאָגט: „האָט נישט
קיין פאַראיבל, עס איז נישט באַקוועם דאָ צו שמועסן"...

אַזוי האָט זיך געענדיקט מיין „קאָנטאַקט" מיט אַ יידן אין
גאַס. און אַזעלכע זענען געווען מיינע ווייטערדיקע „קאָנ־
טאַקטן".

איך האָב געהאַט געהערט, אַז אין אָדעס זענען דאָ גאַסן
אויף די נעמען פון שלום עליכם און מענדעלע. איצט האָב איך
זיך דערוווסט, אַז די דאָזיקע נעמען זענען פאַרגעסן געוואָרן
און די גאַסן האָבן צוריק באַקומען זייערע פריערדיקע נעמען.

אין קיעוו אופן פאָדאָל זענען נאָך דאָ צוויי גאַסן פון
שלום־עליכם און פרץ, לעבן דער איינציקער שול אויף טשע־
קאָוויצקע גאַס.

אויפן פאָדאָל זעט מען פיל יידן און מען הערט אויך רעדן
יידיש. איך בין אַריינגעגאַנגען אין אַ קראָם און געקויפט אַ
קלייניקייט. דער פאַרקויפער, נאָכדעם ווי ער האָט געהערט
אַז איך בין פון ישראל, האָט מיך געפרעגט: צי מ׳וויזט מיר
אַלץ און צי מען באַגלייט מיך. איך האָב אים געזאָגט, אַז איך
גיי איינער אַליין און אַז איך וואָלט געוואָלט זיך דורכרעדן
מיט יידן. ער האָט צו מיר דאַן געזאָגט: „בעסער נישט צו
רעדן. הערט וואָס איך זאָג אייך: בעסער נישט רעדן"...

איך בין אַוועק צום טייך דניעפּער און דאָרט געטראָפן אַ רוסישן צי אוקראַינישן גלח מיט לאַנגע האָר, אין זיין טראַ־דיציאָנעלן טראַכט און אַ גרויסן קרייץ אויף דער ברוסט — אַ טיפּישער גלח ווי פּאַר די „מבול״־צייטן.

אַ יונגע פרוי מיט אַ טעקע אין האַנט איז פאַרבייגעגאַנ־גען. האָב איך ביי איר געפרעגט, וואָס אַזוינס איז די גרויסע געביידע, וואָס שטייט אין אַ זייט.

„דאָס פּאַרטיי־הויז״, האָט זי געזאָגט און געפרעגט: „און איר זענט נישט קיין היגער?״

ווען איך האָב איר געזאָגט פון וואַנען איך קום, האָט זי צו מיין איבערראַשונג מיר געזאָגט, אַז זי איז אויך אַ יידישקע. זי האָט געהערט, אַז די באַציאונגען צווישן ישראל און די סאָ־וועטן זענען איבערגעריסן געוואָרן, ווייל די יידן האָבן זיך געוואָלט פאַרבינדן מיט אַמעריקע.

איך האָב זי באַרואיקט, אַז די באַציאונגען זענען צוריק באַנייט געוואָרן און זיי זענען נאָרמאַלע.

זי האָט געפרעגט: „און ווער אַרבעט ביי אייך? ווער באַאַרבעט די פעלדער?״

גייענדיק צוזאַמען האָב איך איר אין געציילטע ווערטער דערציילט ווער עס באַאַרבעט ביי אונדז די פעלדער.

זי האָט געזאָגט: „אינטערעסאַנט איך וואָלט עס וועלן זען״.

זי האָט מיך געפרעגט, ווער איך בין און וואָס איך טו דאָ, און זי איז אַריינגעפאַלן אין התפעלות: „אַ רעדאַקטאָר האַ, האַ!״ און האָט צוגעגעבן: „איך בין נישט מער ווי אַ קוריער״.

איך האָב באַמערקט, אַז יעדע אַרבעט איז וויכטיק און נוצליך, און זי האָט צוגעשטימט, זאָגנדיק: „יאָ, איך בין נישט מער ווי אַ קליין שרייפעלע, אָבער אָן דעם קאָן מען זיך נישט באַגיין״.

אָדעס האָט נישט פיל געליטן פונעם קריג און איז געבליבן כמעט ווי געוועזן. עס האָט זיך מיר אָבער געדוכט, אַז זי איז מער נישט אַזוי פריילעך און בליאַסקענדיג ווי די „מאַמע אָדעס״, ווי מיר האָבן זי אַמאָל געקענט.

מעגליך, אַז עס איז טאַקע אַזוי, אָבער פּילייכט איז מיין איינדרוק אַ נישט ריכטיקער, ווייל די זאַכן זענען קיינמאָל נישט אויס אַזוי, ווי זיי האָבן אויסגעזען אין דער יוגנט.

קיעוו איז שטאַרק צעשטערט געוואָרן בעתן קריג, אָבער אויך היינט איז זי איינע פון די שענסטע שטעט אין ראַטן־פאַרבאַנד. איר הערליכער צענטער — קרעשטשאַטיק — איז אינגאַנצן געוואָרן צעשטערט און איז אויפסניי אויסגעבויט געוואָרן. ער איז אויך היינט פּרעכטיק, באַזונדערס אין אָוונט.

איך שטעל מיך פאָר, ווי שיין די שטאָט איז זומער־צייט, ווען די ביימער בליען און עס איז דאָ אַזויפיל גרינס אין די גאַסן און גערטנער. איך בין געווען באַגייסטערט פון דער שיינקייט פון דעם גרויסן דניעפּער־טייך.

ווי אין אַנדערע שטעט, בין איך אויך אין קיעוו פיל גע־גאנגען צופוס. איך בין צוגעקומען צו אַ טעכנישער שול מיט אַן אויפשריפט אין אוקראַיניש: „דאָ פלעגן זיך צונויפקומען די „דעקאַבריסטן" אין די יאָרן 1822 ביז 1825". איך האָב אָבער נישט אָנגעטראָפן אויף קיין שום זכר פון דעם אַמאָל אַזוי פולסירענדיקן יידישן לעבן אין דער דאָזיקער שטאָט. דער איינציקער זכר — די שול — איז אויך ווי אַ זכר לחורבן. איך בין אַוועקגעגאַנגען אין דער שול ספּעציעל צו מעריב־צייט און געטראָפן עטליכע צענדליק אַלטע יידן. איך בין צוגעגאַנ־גען צום רב. ער איז אַלט און טויב און זעט שווערליך אויף די אויגן.

איך האָב זיך געפרעגט וועגן דעם קבר פון ב. באָראָכאָוו, און מען האָט מיר געזאָגט, אַז קיינער ווייסט נישט און מען קאָן נישט געפינען זיין מצבה.

אין די יאָרן 1920־1921 בין איך געווען אין קישעניעוו אַלס שליח פון החלוץ. די שטאָט האָט דאַמאָלסט געהערט צו רומעניע און עס זענען דאָרט געווען פיל חלוצים פון אוקראַינע אויפן וועג קיין ארץ ישראל. מיר האָבן דאַמאָלסט געאַרבעט צוזאַמען מיט נחום פול און יצחק ראָזענבערג ז"ל, וועלכע זענען מיט עטלעכע יאָר צוריק געשטאָרבן אין ישראל. זיי זענען געהאַט געקומען פון קיעוו און פאַרשפּרייט ציוניזם,

עברית און קולטור אין בעסאַראַביע. עס איז דאַמאָלט געווען אויך לייב גלאַנץ, וועלכער האָט לעצטן יאָר זיך באַזעצט אין ישראל. איך האָב זיך דערמאָנט אָן זייער אַרבעט אין קיעוו און קישעניעוו, ווען איך בין געגאַנגען איבער דער שיינער קיעוו און אומזיסט געזוכט אַ צייכן פון יידישן לעבן.

איך האָב זיך געפרייט, וואָס איך האָב נישט געהאַט קיין צייט צו זען דעם צייכן פון טויט פון קיעווער יידנטום. איך האָב נישט געזען דעם „באַבי־יאַר”, דעם מאַסן־קבר פון צענדליקער טויזנטער יידן, וואָס ביי דעם אָנדענק ציטערט אויף דאָס יידישע האַרץ.

צוויי טעג אין לענינגראַד זיינען פאַרשטייט זיך, געווען צו ווייניק כדי צו זען אַלץ וואָס איך האָב געוואָלט זען. אויך אין לענינגראַד זיינען, פאַרשטייט זיך, פאַראַן צענטליקער טויזנטער יידן, אָבער אויף נישט צו טרעפן זיך. אין דער דאָזיקער שטאָט איז נאָך שווערער זיי אונטערצושיידן און טרעפן — דערצו זיינען געגנוג געווען אויך צוויי טעג...

דאָס איז געווען פרייטיק־צונאַכט ווען איך בין אַוועק אין שול, און נאָך אַ לאַנגן זוכן איבער די פאָר מיר פרעמדע גאַסן, און היות ווי כ׳האָב פאַרגעסן צו נעמען אין באַטראַכט, אַז אין דעם צפונדיקן לענינגראַד איז די צייט נישט גלייך ווי אין דרומדיקן קישעניעוו — איז שוין געווען נאָכן ערשטן „מנין” — דעם עיקרדיקן. די גרויסע שול (אין לערמאָנטאָוו געסל, הינטערן מאַריאַני־טעאַטער) האָב איך געטראָפן געשלאָסן און פינצטער. בלויז אין אַ שכנדיקן קליינעם זאַל, אין וועלכן מען דאַוונט אין געוויינלעכע טעג, נישט אין די גרויסע יום־טובים, האָבן 7 יידן געוואַרט אויף אַ צווייטן מנין. האָב איך זיי געזאָגט: „אויב איר זענט גרייט צו פאַררעכענען מיר פאַר דריי יידן, ווייל איך קום פון ישראל — וועט איר גלייך האָבן אַ מנין”. זיי איז נישט איינגעפאַלן אַז איך בין ווירקלעך אַ ייד פון ישראל. ערשט נאָכדעם האָבן זיי פאַרשטאַנען און געגלויבט. אונדזער שמועס האָט לאַנג נישט געדויערט, ווייל אין צווישנצייט זיינען געקומען נאָך דריי יידן, איינער

פון זיי — אַ יונגער ייד, שטאַמט פון ליטע, האָט געדאַווענט ביים עמוד. נאָכן דאַווענען האָבן די יידן זיך גלייך אָפּגעטראָגן, כדי נישט צופיל צו רעדן מיט אַ ייד... פון ישראל...

געווען יידן און יידישע אינסטיטוציעס און בילדונגס־אינסטיטוטן און אַ יידישע פּרעסע אין דער רוסישער הויפּט־שטאָט פּעטערבורג; און געווען אַ לעבהאַפטיק גרויס יידיש און ציוניסטיש לעבן אין דער שטאָט, וואָס איז שפּעטער געוואָרן פּעטראָגראַד; נישט ווייניקער איז אויך געווען נאָכ־דעם, ווי זי איז געוואָרן לענינגראַד. איצט האָב איך אַפילו קיין איין טאָג נישט געדאַרפט כדי צו זוכן די שפּורן פון דאָזיקן פּראַכטפולן יידישן עבר. 40 יאָר בין איך נישט געווען אין רוסלאַנד; ביי 40 טעג האָב איך איצט דאָרט געווילט; און דאָס איינציקע יידישע בילד וואָס איז געבליבן אין מיין זכרון פון מיין באַזוך אין לענינגראַד, איז: זיבן יידן וואַרטן אויף אַ מנין אין אַ זייטיק צימערל פון בית הכנסת...

מיט חברים פון נח פּאַנדרע

אין איינער פון די סאָוויעטישע שטעט האָב איך אין אַ פאַרנאַכט זיך אַרויסגעלאָזט זוכן אַ שול. כ׳האָב זיך איינגעקוקט אין די פאַרבייגייערס, אפשר וועל איך אָנטרעפן אַ יידיש געזיכט כדי צו פרעגן דעם וועג. בדרך־כלל איז נישט באַזונדערס שווער צו דערקענען אַ ייד — אַלענפאַלס איז דאָס נישט שווער אין רוסלאַנד. אָפטמאָל האָב איך אַ ייד דערקענט לויט אַן אַנדער סימן, נישט גראַדע לויטן אויסזען. כ׳האָב, למשל, געפרעגט אַ פאַרבייגייער, ווי אַזוי קומט מען צו דער און דער גאַס, האָט ער מיר דערויף געענטפערט מיט אַ פראַגע, מיט איבערחזרן מיין פראַגע, האָב איך באַלד געוווּסט, אַז כ׳האָב פאַר זיך אַ ייד... דאָסמאָל זיינען מיר אַנטקעגנגעקומען דריי מענטשן און כ׳בין געווען זיכער אַז אַלע דריי זיינען יידן. האָב איך געפרעגט: „ווי גייט מען דאָ אין שול?״ האָבן זיי מיר אָנגעקוקט מיט פאַרוווּנדערונג, און איינער פון זיי האָט געפרעגט: „איר דאַרפט זאָגן קדיש?״ האָב איך געענטפערט: „ניין, איך קום פון ארץ־ישראל און וויל זען די שול״. הערנדיק דאָס האָט זיך איינער גלייך אָפּגעטראָגן און מיטגעשלעפּט דעם צווייטן. בלויז דער דריטער האָט זיך פאַרהאַלטן און מיר אויפגעקלערט וויאַזוי צו גיין.

אין מאָסקווער מעטראָ איז מיר שטאַרק געפעלן אַ יונגער סאָלדאַט, וואָס האָט זיך אויפגעשטעלט און מיר אָפּגעטראָטן דעם פּלאַץ. אויסשטייגנדיק אין דער נאָענטער סטאַציע, האָב איך זיך אָנגערופן צו אַ פרוי מיט אַ יידישן אויסזען, וואָס איז געזעסן בשכנות: „איך בין אַן אויסלענדער און דער העפלעכער זשעסט פון דעם סאָלדאַט, האָט אויף מיר געמאַכט אַ פיינעם איינדרוק״. זי האָט געפרעגט: „פונוואַנען זענט איר?״ „פון ישראל״ — האָב איך געענטפערט און זי, די פרוי, האָט

אַ קוק געטאָן אויף רעכטס און אויף לינקס און גלייך אויף גיך זיך אָפּגעטראָגן.

אין אַן אַנדער שטאָט, אין טעאַטער, איז נעבן מיר געזעסן אַ פריילין, וואָס האָט דערקענט, אַז איך בין אַן אויסלענדער. זי האָט מיר געפרעגט, און איך האָב איר געזאָגט פון וואַנען איך קום. זי האָט זיך שטאַרק באַגייסטערט דערפון, וואָס אין משך פון 32 שעה בין איך אָנגעקומען פון ישראל קיין מאָסקווע. זי האָט געזאָגט, אַז זי וואָלט מיט גרויס פאַרגעניגן געהערט וועגן די איינדרוקס וואָס כ׳בין פאַרבייגעפאָרן. זי האָט מיר דערציילט, אַז זי אַרבעט אין פאַרטיי־אַפּאַראַט און כ׳האָב דערקענט, אַז זי איז אַ רוסישע. זי האָט דערקלערט, אַז זי איז גרייט צו טרעפן זיך מיט מיר צומאָרגנס און הערן וועגן דער וועלט. האָב איך זיך אָנגערופן צו איר: ווי אַ פאַרטיי־מיטגלידערין — וועט איר טאָקע זיך טרעפן מיט אַן אויסלענדער? האָט זי זיך געוווּנדערט און געבייזערט זיך צוליב דער פראַגע און קאַטעגאָריש דערקלערט, אַז זי קומט צו דער אָפּגערעדטער צייט. זי איז אָבער נישט געקומען.

אין אַ צווייטע שטאָט, אין האָטעל, האָב איך געכאַפּט אַ שמועס מיט אַ יידישן בחור. הערנדיק פון וואַנען איך קום, האָט ער געפרעגט: „איר זאָגט דאָס ערנסט אַז איר קומט פון ישראל?!" אין אַ פּאָר מינוט אַרום האָט ער געזאָגט: „קומט צו מיר אויף מיטאָג". פון דערפאַרונג האָב איך באַמערקט: „איר האָט קיין מורא נישט מיר צו נעמען צו זיך אַהיים?" האָט ער זיך געברוגזט: „פאַרוואָס דאַרף איך מורא־האָבן? נישטאָ וואָס מורא־צו־האָבן, כ׳בין אַ פּאַרטיי־מענטש און כ׳פאַרשטיי נישט, פאַרוואָס טאָר איך נישט מיט אייך שמועסן?" ער האָט מודיע געווען, אַז ער דאַרף גיין אויף אַ האַלבע שעה און וועט צוריקקומען מיך נעמען. און ער איז נישט געקומען.

אין אַ צווייטער שטאָט האָב איך אין אַ רעסטאָראַן געהאַט אַ קורצן שמועס מיט מיינס אַ שכן, אַ ייד, ער האָט געזאָגט: „קומט מאָרגן צו מיר אין וואַרשטאַט. כ׳פאַרשטיי נישט, פאַרוואָס איר זאָלט נישט קומען". כ׳בין געקומען. איז מיר

אַנטקעגנגעקומען אַ פרוי און געמאָלדן: „מיין מאַן איז קראַנק...".

איינמאָל פאַרנאַכט בין איך אין אַ געוויסער שטאָט פאַר־בייגעגאַנגען דעם קאָלכאָז־מאַרק. פּלוצים איז צו מיר דערגאַנ־גען אַ געשפּרעך אין יידיש. כ'האָב זיך נישט געקענט באַהערשן און בין צוגעגאַנגען. פינף יונגע יידן, באַלעגאָלעס, זיינען געשטאַנען ביי זייער פערד און וואָגן — יונגע, שטאַרקע בחורים, פון שניאורס פאַנדרע־טיפּן.

— פון וואַנען זיינען יידן?

— פון הי. און איר?

— פון ארץ־ישראל.

זיי האָבן זיך צעלאַכט. זיי האָבן געמיינט אַז איך וויצל זיך. באַלד האָבן זיי אָבער אָנגעהויבן גלויבן. זיי האָבן מיך אַרומגערינגלט און אָנגעהויבן אויספרעגן, וויפל יידן לעבן „דאָרט", ווי אַזוי לעבט זיך „דאָרט", און ווי איז די לאַגע מיט די אַראַבער אדג"ל.

מיינע ענטפערס זיינען געווען קורצע. זיי האָבן געשטוינט הערנדיק, אַז שוין העכער פערציק יאָר ווין איך „דאָרט". זיי האָבן קוים תופס־געווען, אַז כ'האָב פשוט, אַלס זשורנאַ־ליסט, געוואָלט קומען זען דאָס סאָוויעטישע לאַנד און מ'האָט מיר דערלויבט.

פּלוצים האָט זיך אָנגעהויבן אַ שושקעריי צווישן זיי. היות ווי כ'בין שוין דערצו געווען געוווינט, האָב איך זיך געטראַכט: זיי האָבן שוין מסתמא זיך דערמאָנט, אַז מ'דאַרף מורא־האָבן פאַר אַזאַ שמועס אין גאַס.

— וואָס איז? — האָב איך געפרעגט.

האָט מיר איינער פון זיי געזאָגט:

— מיר וועלן אייך מכבד־זיין מיט אַ גלעזל וויין...

דאָס איז פאַר מיר געווען אַ גרויסע איבערראַשונג. ס'איז מיר קיינמאָל נישט איינגעפאַלן, אַז אויפן מאַרק, אין אַ סאָ־וויעטישער שטאָט, וועלן מיר יידישע באַלעגאָלעס פאַרבעטן אויף אַ „לחיים" לכבוד מדינת ישראל פון וואַנען איך קום.

די האַרציקע פאָלקסטימלעכע „פאַנדרישע" איינלאַדונג

מצד אַרבעטנדיקע, געזונטע, פעסטע יידן, האָט מיר זייער געצויבערט. כ׳האָב פאַר זיי נישט באַהאַלטן מיינע ספקות לגבי אַזאַ מין „סעודה", און אויך זיי האָבן אין דעם נישט מזלזל־געווען.

— און ווי ווילט איר דאָס מאַכן דעם לחיים ?

— נישט ווייט פונדאַנען — האָבן זיי געענטפערט. — צוויי גאַסן אַראָפּצו, דאָרט איז דאָ אַ יידישער בופעט.

איינער איז געגאַנגען פאַר מיר, און די איבעריקע האָבן צערעכט געמאַכט די וואָגנס און הינטערגעקומען.

זיי האָבן אָנגעפילט גרויסע גלעזער מיט רויטן ווייַן, גענו־מען קעז צום פאַרבייסן, און מ׳האָט געטרונקען „לחיים".

זיי האָבן אויך צוגערופן דעם אייגנטימער פון בופעט:

— מישאַ, קום אַהער !

און אַז יענער איז צוגעקומען, האָבן זיי געזאָגט : — דאָס איז אַ ייד פון ארץ־ישראל ! מאַך אויך אַ „לחיים".

אויך ער האָט מיט אונדז מיטגעטרונקען.

כ׳האָב געקוקט אויף זיי, אויף די דאָזיקע באַלעגאָלעס, פון וועלכע עס האָט געשטראַלט אַזאַ נאַטירלעכע, גוט־האַר־ציקע יידישע וואַרעמקייט. זיי האָבן פיל נישט גערעדט, נישט געפּאָרשט און זיך אויסגעפרעגט, נישט דערציילט, נישט גע־קלאָגט זיך. דאָס זיינען בלויז געווען גוטע ברידער פון אַ פאָלק, ביי וועלכן מ׳האָט אָפּגעריסן איין טייל פון אַנדערן. זיי האָבן דאָס אויסגעדריקט מיט קלאַסישער איינפאַכקייט : מיט גלעזער רויטווייַן און געזאַלצענעם קעז — „לחיים" !

אינדרויסן האָט שוין געטונקלט, כ׳האָב זיך געזעגנט און געדריקט די הענט, איינעם נאָכן אַנדערן. פון זייערע אויגן האָט געזעצט אַ מין אומעטיקייט ווי זיי וואָלטן זיך געזעגנט מיט אַן אַלטן פריינט. אויך איך בין אינגאַנצן געווען גערירט פון דער איבערראַשנדיק־וווּנדערלעכער באַגעגעניש. ווען כ׳בין שוין געשטאַנען ביים שוועל צום אַרויסגיין, האָט איינער זיך אָנגערופן מיט אַ טאָן פון טיפער בענקשאַפט :

— אפשר נעמט איר מיך מיט אין אייער וואַליזקע ?...

אַ יאָר איז פאַרלאָפן

איך האָב זיך צוגעהערט צו די „סליחות" אין מיטן נאַכט. דער געזאַנג פון חזן און פון כאָר און בעיקר דער תפילה געפליסטער פון גרויסן עולם, האָבן דערוועקט פון דאָס ביי דעם וויטאָקדיקן זכרון, וועלכער האָט זיך בעצם נישט אויס־געוועבט דעם גאַנצן יאָר. אַלזאָ, אַ יאָר איז פאַרלאָפן פון יענער נאַכט און פון יענעם יום כיפור אין דער שול אין מאָסקווע. פונקט מיט אַ יאָר צוריק האָב איך דורכגעמאַכט אַ שרעקלעכע צעטרייסלונג — די באַגעגעניש מיט דער שרייענדער שטומ־קייט וועלכע האָט זיך איינגעקלאַמערט אין האַרצן וואָס איז פאַרגאָסן מיט בלוט בייביידע אָפּגעזונדערטע טיילן. ווער עס איז ממש נישט געשטאַנען אויף דעם פּלאַץ, קענג־איבער די אויגן און דעם יאָמער פון די טויזנטער יידישע מענער און פרויען, וועט אומזיסט פּרובן צו שפּירן די זאַך ווי זי איז. און האָבנדיק געזען און געהערט, האָבן שוין פון מיין פאָרשטעלונג די בילדער און קלאַנגען דעם גאַנצן יאָר נישט אָפּגעווייכט. איך בין געווען אויף פאָלקס־צוזאַמענקומען אין ישראל — און דאָרט האָב איך זיי געזען אין מיין דמיון. ווי גליקליך וואָלטן זיי געווען, ווען מען קען אַזוי דערשיינען פאַר זיי און לאָזן זיי הערן אונזער וואָרט. איך בין געווען אויף אַ פייערלעכן קבלת־שבת פאַר קינדער אין קיבוץ, פאַר דער אָרטיקער יוגנט און פאַר דער יוגנט פון די עולים און דערוואַקסענע צוזאַמען. און מיר איז געווען שווער זיך צו באַהערשן; אָ גרויסער גאָט, ווען זיי וואָלטן געקענט זוכה זיין צו אַזעלכעס! איך האָב געהערט דעם געזאַנג און די תפילות בשעת די „סליחות" און עס האָט זיך דערוועקט דער שאַרפער

וויטאַק — פונקט ווי איך וואָלטווידער געשטאַנען דאָרט צווישן זיי.

עס איז אַריבער אַ יאָר. די אָפּקלאַנגען פון דעם געשריי האָבן זיך פאַנאַנדערגעטראָגן און אויפגעציטערט הערצער אין ישראל און אין די לענדער פון צפון אַמעריקע, אין די לענדער פון דרום אַמעריקע און דרום אַפריקע, און אין די פאַרשיידענע הויפּטשטעט פון אייראָפּע און אין פאַרשיידענע שפּראַכן. בלי ספק איז דער אָפּקלאַנג פון דעם אויך דערגאַנגען אין מאָסקווע. צי איז דאָס דערגאַנגען אויך צו די הערצער פון אירע הער־שער אָדער נאָר ביז אירע טויערן? מיר קוקן אויס, אונזערע אויערן זיינען אָנגעשטרענגט צו הערן, אונזערע הערצער זיינען אָפן. וואָס ברענגט דער מאָרגנדיקער טאָג? פון צייט צו צייט קומען צו אונז ידיעות און קלאַנגען.

עס איז אַ חוב צו באַמערקן, אַז אין די ידיעות וועגן ראַטן־פאַרבאַנד ווערן אָפטמאָל געבראַכט זאַכן וועלכע לייגן זיך כלל נישט אויפן שכל. אָט איז מודיע די אַגענטור „יוניי־טעד פּרעס" פון מאָסקווע, אַז דאָרטן האָבן געדאַוונט היינטיקן ראש־השנה 120 טויזנט יידן פון דער הויפּט־שטאָט. מיר צווייפ־לען נישט אַז צענדליקער טויזנטער יידן האָבן געוואָלט דאַוונען אין דער שול ראש השנה, אָבער אין מאָסקווע עקזיס־טירט נאָר איין גרויסע שול. ווען איך בין דאָרטן געווען יום־כיפּור האָט מען גערעדט אַז אין שול האָבן זיך אין ענגשאַפט צוזאַמענגעקליבן ביי 4000 יידן. כדי עס זאָלן דאָרטן אין די שולן דאַוונען מער ווי הונדערט טויזנט יידן, דאַרף זיין אַם ווייניקסטן נאָך הונדערט גרויסע שולן. פונוואַנען האָבן זיי זיך גענומען איבער נאַכט? „סטאַ" האָט מודיע געווען: דער אַמבאַסאַדאָר פון ראַטן פאַרבאַנד אין די פאַראייניקטע שטאַטן האָט איינגעלאַדן אַ דעלעגאַציע פון „יידישן אַרבעטער קאָמי־טעט" צו באַזוכן מאָסקווע, און זיך פאַרנעמען מיט דער פראַגע און מיט דער לאַגע פון די יידישע שרייבער, וועגן וועלכע דער יידישער „אַרבעטער קאָמיטעט" און אַנדערע יידישע קרייזן און אינסטיטוציעס און צווישן זיי חיים גרינבערג ז"ל, האָבן זיך נאָכגעפרעגט במשך פון יאָרן און נישט באַקומען

קיין ענטפער. אגב, נאָך מיט צוויי מאָנאַטן צוריק האָבן מיר געהערט וועגן דער איינלאַדונג פון אַ רבנים דעלעגאַציע פון אַמעריקע קיין רוסלאַנד און ווי עס דוכט, האָט זיך נאָך דער ענין נישט גערוקט פאָרויס. אויך צו די ידיעות וועגן אַרעסטן און באַפרייאונגען דאַרף מען זיך באַציען מיט פאָרזיכטיקייט און וואַרטן אויף אַן אויטענטישע און גלויבנסווירדיקע באַשטעטיקונג.

היינטיקס יאָר האָבן מיר אויפגענומען מיט צופרידנקייט די סימנים און צייכנס פון לייכטע ענדערונגען. זיי זענען קליי־נע און איינצלנע שוואַלבן, און ווי טרעפלעך האָט זיך אויס־געדריקט ז. שזר אויף דעם: „אַלטע שוואַלבן". דערווייל קערן זיך צוריק נאָר צענדליקער עולים צום שויס פון זייערע משפחות נאָך אַ שיידונג פון צענדליקער יאָרן. און נאָך אַ הפסקה פון צענדליקער יאָרן פון אַ לאַנד וואו עס וואוינען מיליאָנען יידן — ווי ווייניק דאָס איז! ווי קליין און שוואַך עס איז דער שריט! און פאַרוואָס נישט קיין גרעסערע שריט? און פאַרוואָס נישט מיט קראַפט און מיט מוט ווי עס פאַסט פאַר אַ מעכטיקע גרויס־מאַכט ווי דער ראַטן־פאַרבאַנד? און פאַרוואָס נישט קיין עליה פון זין און טעכטער, ברידער און שוועסטער, מענטשן פון אַרבעט און קראַפט, וועלכע זאָלן זיך גלייך אַריינפלעכטן אין גרויסן בוי און שאַפונגס ווערק פון יידישן פאָלק, וועלכער באַנייט זיך אין זיין מדינה? פאַרוואָס נישט די באַפרייאונג פון די פאַרשטויסענע שוין פיל יאָרן אסירי ציון? איז זייער „פאַרברעכן" פיל ערנסטער פון דעם פאַרברעכן פון די וועלכע האָבן קאָלאַבאָרירט מיט די נאַציס און האָבן אפילו געדינט אין די אינוואַזיע אַרמייען און איצט האָבן זיי זוכה געווען צו אַן אַמנעסיע? פאַרוואָס זאָל נישט דערלויבט ווערן עולה צו זיין די וועלכע האָבן אין משך פון פיל יאָרן דעמאָנסטרירט זייער מוט און ווילן צו זיין מיט זייער פאָלק און זייער לאַנד, אין דעם לאַנד פון זייער נאַציאָנאַלן און סאָציאַלן רענעסאַנס? צי זיינען דאָ נאָך אַזוינע יידן אויף דער וועלט וועלכע האָבן מער רעכט עולה צו זיין צו אונז ווי די יידן?

צי קומט זיי נישט די רעכט פון ישראל בירגער, אויך לויט דעם איינזען פון די יושרדיקע און געוויסנהאַפטע מענטשן אין ראַטן פאַרבאַנד, זעענדיק די טרייהייט און די ריינע כוונות פון די אסירי ציון? „צי דאַרף מען נישט ברענגען אויך זיי צו אונז צוריק, אָט די „געפאַנגענע פון ציון", אַזוי ווי מען קערט צוריק אַנדערע געפאַנגענע צו זייערע לענדער?

מענטשן פון ישראל האָבן געשריבן צו וואָראָשילאָוו׳ן אָדער צו בולגאַנינ׳ען און געבעטן דערלויבן עולה צו זיין זייערע קרובים קיין ישראל — זייערע ביטעס זיינען באַפרי־דיקט געוואָרן. מיר ווענדן זיך אויך, אין אונזערע צענדליקער טויזנטער, צו די פירער פון דער סאָוויעטן־מאַכט און בעטן פאַר עליה פון אונזערע קרובים און פאָלקס־ברידער. און אויב עס איז נויטיק זיינען מיר גרייט ממש צו שרייבן אַ בריוו אָדער אַ פעטיציע, מיטן אונטערשריפט פון הונדערט טויזנטער בירגער פון ישראל. ווייל באמת פאַרוואָס זאָל נישט דערלויבט ווערן אַז יידן פון ראַטן פאַרבאַנד זאָלן עולה זיין קיין מדינת ישראל, לעבן און אַרבעטן דאָ? די פראַגע הערט נישט אויף צו זיין אייגפאַך אין משך פון צענדליקער יאָרן.

די פאָרשטייער פון ראַטן־פאַרבאַנד האָבן מודיע געווען אַז טוריסטן וועלן קענען פאָרן פון ישראל פונקט ווי פון אַנ־דערע לענדער, באַזוכן ראַטן פאַרבאַנד. געוויס וועלן די טו־ריסטן זען אינטערעסאַנטע זאַכן און ערטער במשך פון דער באַגרענעצטער צייט וואָס זיי וועלן האָבן אין זייער רשות. אונז אינטערעסירט זייער צו וויסן, אויב די טוריסטן וועלן קענען זען און לערנען ווי לעבן יידן אין ראַטן פאַרבאַנד. אויב זיי וועלן קענען זיך באַגעגענען מיט זיי אין יידישע צענטרען, און אויב זיי וועט געגעבן ווערן די מעגלעכקייט זיך זען מיט קרובים און פריינט, ווי עס פירט זיך אין יעדער לאַנד און ביי יעדער טוריסטיק אין דער וועלט? אַזוי אינטערעסירט אונז אויך, צי וועלן קענען יידן פון ראַטן־פאַרבאַנד קומען באַזוכן ישראל? צי וועלן זיי האָבן אויף דעם די געהעריקע מיטלען? צי וועט זיי די סאָוויעטן־מאַכט געבן הילף — פונקט ווי עס וועט געוויס געגעבן ווערן די מוסולמענישע און קריסטלעכע טו־

ריסטן, וועלכע וועלן פאָרן פון ראַטן־פאַרבאַנד קיין מעקא, ירושלים, נצרת, א.אַ.וו.

אויסער די וויניקע איינצלנע עולים און אויסער די מעל־דונג וועגן טוריסטיק, דערגייען צו אונז ספק נאָכריכטן און ספק קלאַנגען, וועלכע האָבן נאָך נישט קיין אָפיציעלע באַשטע־טיקונגען וועגן סידורים און מחזורים וועלכע ווערן געדרוקט אין ראַטן פאַרבאַנד פאַרן געברויך פון די רעליגיעזע יידן. עס רעדט זיך וועגן דרוקן דורך פאָטאָגראַפירן. איז דען נישטאָ קיין שום מעגלעכקייט אויפשטעלן ווידער יידישע דרוקערייען, מיט ממש יידישע אותיות, מיט יידישע סידורים? און וואָס איז בנוגע דרוקן וועלטלעכע יידישע און העברעאישע ביכער, בעלעטריסטיק, ליטעראַטור וועגן יידנטום און דעם יידישן פאָלק און מדינת ישראל? און וואָס איז בנוגע דער יידישער פרעסע? און ממש יידיש טעאַטער, נישט נאָר אָוונטן פון יידישן געזאַנג? צי וועט דאָס אַנטשטיין, צי וועט דאָס באַנייט ווערן? און אַ יידישע שול וועלכע זאָל פאַרבינדן מיט די ווערטן פון יידישן פאָלק — ביז וואַנען וועט דאָס פסול זיין און פאַרבאָטן?

מיר באַגריסן יעדן צייכן און סימן און ענדערונג צום בעסערן. מיר ווילן האָפן, אַז די ליניע פון דערלויבן צענד־ליקער יידן אַנשליסן זיך צו זייערע ברידער און משפחות אין ישראל וועט פאַרוואַנדלט ווערן אין אַ ברייטן וועג. מיר וואַגן צו טראַכטן, אַז די סאָוויעטן רעגירונג וועט אָנערקענען און פאַרשטיין אַז עס האָט נישט קיין שום טעם און קיין שום באַ־רעכטיקונג צו פאַרבאָטן און נישט דערמעגלעכן אין דער נאָענטסטער צוקונפט אַ יידישן קולטור לעבן און אַ גרויסע עליה קיין ישראל.

אינהאַלט

מיר טאָרן זיי ניט פאַרגעסן 2
שריי, מיין ליב פאָלק! 14
אָן אַ יידישן אות 20
יידן אין מאָסקווע 25
קישעניעוו 30
אין אָדעס, קיעוו און לענינגראַד 38
מיט חברים פון נח פאַנדרע 45
אַ יאָר אין פאַרלאָפן 49